STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11459

A GAST FUN YENER VELT

Yehezkel Kornhendler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11459-6

9780657114596T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

יחזקאל קארנהענדלער

א גאסט פון יענער וועלט

WITHDRAWN FOR USE IN CITY AND
WELFARE INSTITUTIONS ONLY
NOT TO BE BOUGHT OR SOLD

Ch. KORENCHANDLER

UN REVENANT

PARIS 1955

„אַ גאסט פון יענער וועלט“ פון יחזקאל קאָרנהענדלער. —
פאַרלאַג „אויפגאַנג“, פּאַריז 1955 — אַרויסגעגעבן מיט
דער הילף פון דער קולטור־אָפּטיילונג ביים „דזשוינט“ אין
פראַנקרייך. — הילע געצייכנט פון בען. — אַדרעס פון
אַרויסגעבער: Ch. KORENCHANDLER
4, Cité Popincourt - Paris-XIe

יחזקאל קארנהענדלער

WITHDRAWN FOR USE IN CITY AND
WELFARE INSTITUTIONS ONLY
NOT TO BE BOUGHT OR SOLD

א גאסט פון יענער וועלט

פארלאג «אויפגאנג» פאריז

תשט"ו ◆ 1955

WITHDRAWN FOR USE IN CITY AND WELFARE INSTITUTIONS ONLY
NOT TO BE BOUGHT OR SOLD
PROPERTY OF THE CITY OF NEW YORK
Y. 892.44
K
K231231

אינהאלט

נאָכ'ן חורבן

1 אַ גאַסט פון יענער וועלט — — — — — — — — זייט 11
2 צוריק פון אָשוויענטשים — — — — — — — — “ 19
3 דער לעצטער שאַנס — — — — — — — — — “ 24
4 „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן“ — — — — — — “ 28
5 דאָס יידישע אַמסטערדאַם — — — — — — — — “ 33
6 דער בייזער רבי — — — — — — — — — — — “ 51

פון אונדזער ירושה

7 י. ל. פּרץ — — — — — — — — — — — — — “ 59
8 שלום עליכם — — — — — — — — — — — — “ 63
9 שלום שוואַרצבאַרד — — — — — — — — — — “ 73

קינסטלער און קונסט־ווערק

10 אַ געזאַנג צו דער אָרעמקייט — — — — — — — — 81
11 מיין חבר י. פּאַפּיערניקאָוו — — — — — — — “ 89
12 דער קינסטלער בעז — — — — — — — — “ 93

לעגענדע און רעאַליטעט

13 אַ צעשטערטע אילוזיע — — — — — — — — — “ 103
14 אויסגעשטאָכענע אויגן — — — — — — — — — “ 107
15 לעוו טאָלסטוי — — — — — — — — — — — — “ 113

פון דער געשיכטע

16 אַ בינטל נאַפּאָלעאָנישע בריוו — — — — — — “ 143

4697 84

נאכ'ן חורבן

1

אַ גאַסט פון יענער וועלט

יעדער מענטש, וואָס האָט דערפילט דעם טעם פון בוך, די עמאָציע און פרייד, דאָס גרויסע גייסטיקע פאַרגעניגן, וואָס דאָס בוך שענקט, ווערט דער גרעסטער פריינד פון געדרוקטן וואָרט, אָן וועלכן ער וויל נישט, און קאָן זיך שוין מער נישט באַגיין. דאָס בוך ווערט פאַר אים אַזוי נישט אָפּטיילבאַר, ווי די לופט גופא.

אַזאַ מענטש קויפט און זאַמלט ביכער, שאַפט זיך איין אַ ביבליאָטעק, וואָס באַצירט זיין היים, און האָט דערפון אַזאַ פאַרגעניגן, וואָס דער נישט-לייענער וועט דאָס קיינמאָל נישט באַגרייפן.

פון קינדווייז אָן בין איך געווינט געוואָרן צו זעען ספרים און ביכער ביי אונדז אין שטוב, און כאָטש איך האָב נאָך כמעט נישט פאַרשטאַנען די ראָלע וואָס דאָס בוך פירט אויס אין לעבן, נאָר זעענדיק ווי אַזוי מיין פאָטער גיט זיך מיט זיי אָפּ, מיט וואָס פאַראַ ליבשאַפט ער נעמט אַ בוך אין האַנט אַריין, מיט וואָס פאַראַ ערנסט ער פאַרברענגט מיט זיי לאַנגע שעה'ען פון זיין פרייער צייט, האָב איך, שוין גאָר יונג, אָנגעהויבן פילן צום בוך דעם זעלבן דרך-ארץ ווי מיין פאָטער.

שפעטער האָב איך באַקומען אַ צוטריט צו דעם דאָזיקן מערקווירדיקן קוואַל, צו דער ביכער-וועלט, און עס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט דער גאַנצער כישוף-רייץ, וואָס דאָס בוך טראָגט אין זיך; איך האָב דערפילט איבער זיך דעם כוח פון געדרוקטן וואָרט און געוואָרן זיין פרייוויליקער שקלאַף אויף מיין גאַנץ לעבן.

און ווי מיין פאָטער, בין איך אויך געוואָרן אַ קויפער און זאַמלער פון ביכער און שוין פאַרמאָגט מיין אייגענע ספרים-שאַנק, און אייגענע פּאָליצעס מיט ביכער, און אין טעג פון גרויסער פאַרנומענקייט, ווען איך האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו לייענען,

איז בלויז דער בליק מיינער, וועלכער פלעגט וואַנדערן איבער די ביכער, אויך געווען גענוג, אַז זיי זאָלן מיר שענקען דערהויבונג, טרייסט און פרייד.

אַוודאי האָב איך מיט לאַנגע יאָרן צוריק, שוין האָבנדיק אַ גאָר נישט קשהדיקע ביבליאָטעק, נישט געוווּסט, אַז איך וועל אַמאָל אַליין אויך זיין אַ מחבר פון ביכער, אָבער מיטן לויף פון יאָרן און שרייבערישער אַקטיוויטעט, האָב איך באַקומען אַ סך פריינד — שרייבערס, און אויף מיינע פּאָליצעס האָבן זיך אויך אָנגעהויבן זאַמלען ביכער באַקומענע אַלס מתנות פון די מחברים.

יאָרן זענען געלאָפן, ביז עס איז געקומען דאָס יאָר 1939 ; די מלחמה האָט זיך צעפלאַקערט. מענטשלעך לעבן איז געוואָרן הפקר, יידיש לעבן איז געשטעלט געוואָרן אויסער געזעץ ; אין די דאָזיקע טעג בין איך געווען געצווונגען איבערצולאָזן מיין דירה און מיינע טייערע פריינד — די ביכער, וועלכע איך האָב געזאַמלט אַזוי פיל יאָרן, איבערגעלאָזט אַלץ אויף הפקר, און פּרובירט זיך ראַטעווען פון געפאַר, וואָס איז דעמאָלט געהאָנגען איבער יעדן יידישן לעבן.

די מלחמה האָט זיך אַלץ מוראדיקער צעפלאַקערט, אַרומגענומען כמעט די גאַנצע וועלט, אָבער צום טראַגישסטן געבושעוועט אין אייראָפּע. יעדער טאָג האָט צוזאַמען מיט אַלע מלחמה-ידיעות, אויך מיטגעברענגט מיט זיך די שוידערלעכסטע גרוסן וועגן דער באַזונדערער טראַגיק פון יידישן לעבן : וועגן אומדערהערטע רדיפות, געטאָס, געלע לאַטעס, דעפּאָרטאַציעס און גאַז-קאַמערן ; דער שכל האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו פאַרשטיין, דאָס צו גלויבן. דער ווונדערלעכער חלום וועגן אַ גערעכטער וועלט, וועגן אַ יושרדיק לעבן, וועגן דעם פאַרגאָסענעם בלוט פאַר אַ יושרדיק לעבן, דאָס אַלץ וועגן וועלכן מיר האָבן אַרויסגעלייענט פון די ביכער, האָט נישט דערלאָזט און געשטערט אונדזער באַוווּסטזיין צו גלויבן, אַז אַזעלכעס, וואָס איז געטאָן געוואָרן צו אונדזער פאָלק, זאָל זיין אַן אמת. און, אַז איך האָב ענדלעך דערלעבט דעם טאָג פון דער נאַצישער מפּלה, פּטור געוואָרן פון באַהעלטענישן און לאַגער-דראָטן, האָב איך צוזאַמען מיט די ווייניק-אָפּגעראַטעוועטע, זיך דערוווּסט די גאַנצע טראַגיש יידישע ווירקלעכקייט.

און ווידער איז מען צוריקגעקומען קיין פּאַריז, ווו איך בין געוועזן אָפּוועזנד דריי יאָר צייט, באַזוכט די ווינונג, ווו עס איז פריער געווען מיין היים, אָבער ווי אַלץ איז איצט געווען אַנדערש: אַן אַנדערער לאָקאַטאָר, קיין זכר נישט פון מיינע פריערדיקע זאַכן. אַלץ איז צוגענומען געוואָרן דורך די דייטשן, צוגערויבט ביז אַ לעצט, און פאַרשטייט זיך, אַז אויך מיין ביבליאָטעק, מיינע טייערע ביכער. זיי זענען אויסגערויבט געוואָרן ביז איינעם.

דאָס אומגליק אין יידישן לעבן איז געווען אַזוי אומגעהויער, די פאַרוויסטונג אַזוי ענדלאָז, די גאַז־קאַמערן און די קרעמאַטאָריעס אַזוי אַקטיוו, אַז אַלע, בוכשטעבלעך אַלע אַרום, די טייערסטע האָבן געפעלט, איז ווי קען מען דאָ אין אַזאַ צייט טרויערן וועגן אַוועקגערויבטע ביכער? טאַקע טייערע פריינד, אָבער פאָרט נישט מער ווי ביכער, ביכער, וואָס האָבן אָפּגענאַרט אונדזער גלויבן... אָפּגענאַרט די צוזאָגן, וואָס האָבן פון זיי אַרויסגערעדט... אָפּגענאַרט אונדזערע שענסטע חלומות.

אָבער דאָס לעבעדיקע לעבן איז שטאַרקער. מען האָט אויף דאָס ניי זיך אָנגעהויבן אויסזוכן דירות, גרינדן היימען, ווער מיט אַ פּאָר געבאָרגטע אָרעמע שטולן, ווער מיט ניי פּרעכטיק מעבל, מיט נאָך שענער מעבל ווי פאַר דער קאַטאַסטראָפע, און ווער מיט ביכער...

האָבן זיך ביי מיר ווידער אָנגעהויבן באַווייזן ביכער אין שטוב... אמת, זיי האָבן אָפּגענאַרט, פאַראַטן, אָבער אָפּזאָגן זיך פון זיי איז נישט געווען מעגלעך... האָט מען ווידער געקויפט ביכער, באַקומען ביכער. די טעג זענען געלאָפן, די צאָל ביכער געוואַקסן, און איצט רינגלען מיך אויף דאָס ניי אַרום שענק און פּאָליצעס מיט ביכער. צוריקגעקויפט אַ טייל פון די וואָס זענען מיר ליב געווען פון מיינע פריסטע לייענער יאָרן, רעדן זיי אויף דאָס ניי צו מיר מיט דעם איינדרוק פון לאַנגע יאָרן צוריק; די „דריי מושקאַטערן“ און „דעקאַמעראָן“, מיצקעוויטש און טאָלסטוי, אָסקאַר ווײַלד און מעטערלינג און נאָך אַנדערע. הײַנט, ביכער מיט געשיכטלעכן און וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט; און דאָס יידישע בוך! האָבן זיך טאַקע באַוויזן ביי מיר

פּרץ און שלום־עליכם, פּלאַווינס, גרעץ און דובנאָוו. איצט די פּריש צוגעקומענע ביכער וועגן אונדזער איבערגעלעבטן חורבן!

לייענט מען ווייטער — און מען לאָזט זיך ווידער אָפּנאַרן. אמת, מען לאָזט זיך נאַרן ווייניקער, וואָרם אינעווייניק, טיף אין האַרצן איז צוגעקומען אַ גרויסע אַנטוישונג, אַ ביטער געפיל און שווערער פאָרוווּרף פאַר דער „קלוגער" וועלט. אָבער נאַרן לאָזט מען זיך פאָרט. ווייל דער כוח פון בוך איז אַזוי גרויס.

און צו די ביכער פון מיין נייער ביבליאָטעק זענען צוגעקומען אַ סך ווערק פון קאָלעגן־שרייבערס, דערשינענע אין די לעצטע יאָרן, און מען לייענט, און מען לייענט. לייענען ווילט זיך אַ סך, וואָס מער. דאָס לעבן איז קורץ און אינטערעסאַנטע ביכער זענען פאַראַן אַזוי פיל!

טיילמאָל טראָגן די געדאַנקען אַוועק צו מיינע ביכער פון אַמאָל, און עס טראַכט זיך אויך וועגן די מתנות פון קאָלעגן־שרייבערס, שרייבערס אומגעקומענע אין דעפּאָרטאַציע; זיי — אומגעקומען און זייערע ביכער צוגערויבט, און עס טוט אַזוי ווי זייער גורל.

און אָט, מיט אַ קורצער צייט צוריק, באַזוכט מיך מיין פריינד גרשון עפּשטיין, אַ טוער פון אַ יידיש־וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוציע. ער איז נאָר־וואָס געקומען פון אַ נסיעה אין דייטשלאַנד, ווו ער איז דעלעגירט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער רעגירונג מיט דער וויכטיקער מיסיע צוריקצוברענגען אין לאַנד אַריין ביכער, וואָס די דייטשן האָבן דאָ אָנגעראַבעוועט. מיין פריינד ברענגט מיר אַ פּאַקעט.

— פאַר דיר — זאָגט ער מיט אַ שטילער שטים.

איך עפן דעם פּאַקעט מיט נייגיר.

פאַר מיר ליגט אַ בוך, וואָס איך קען עס, אַ בוך, וואָס איך האָב שוין אַמאָל געלייענט, אַ בוך, וואָס איך האָב שוין אפילו געהאַט אין מיין אייגענער ביכער־זאַמלונג, דאָס איז דאָס בוך קינדער־לידער פון פאַריזער דיכטער דוד פּליסקין, „וווּנדערלאַנד", ס'איז דערשינען אין פּאַריז אין יאָר 1938. דוד פּליסקין האָט מיר דאַן געשענקט זיין בוך, און די נאַציס האָבן עס מיר, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע ביכער מיינע, צוגענומען.

אָבער ווען איך האָב אויפגעעפנט דאָס בוך, האָב איך דערפילט,

(שער־בלאַט פון דוד פליסקינ'ס בוך „ווונדערלאַנד“.)

אַז מיר ווערט קאַלט און וואַרעם; אַ ציטער איז דורך מיין לייב. דאָס איז געווען מיין אייגן בוך, דאָס איז געווען דאָס בוך, וואָס דער אומגעקומענער דוד פּליסקין האָט מיר געשענקט; אויף דעם צווייטן בלאַט האָב איך דערזעען די שיינע האַנטשריפט פון דעם קדוש, און געלייענט:

„פּאַריז, 18טער פעברואַר 1938. דעם ליבן פריינט י. קאָרנ־הענדלער אין פריינטשאַפט דאַוויד פּליסקין".

„וואונדערלאַנד" איז ביי מיר צוגערויבט געוואָרן מיט נאָך אַזוי פיל ביכער פון יידישע שרייבערס, אַוועקגעפירט ערגעץ, דעפּאָר־טירט, און איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, אויף אַזאַ וואונדערלעכן אופן צוריקגעקומען אין מיין האַנט אַריין.

וואָס פאַראַ גאַסט!

פון די הונדערטער ביכער מיינע „אָפּגעקריגן" אויף אַזאַ מערק־ווירדיקן אופן, איין בוך פון אַ דיכטער אַ פריינד, מיט וועמען איך האָב מיך אַזוי אָפט געטראָפן, געזעען, זיך אונטערהאַלטן, געווען ביי אים אין שטוב.

דוד פּליסקין איז געווען אַ זעלטן איידעלער מענטש; אַ שטילער, באַשיידענער און טייערער פריינד. שוין אין די פופציקער יאָרן זיינע, הויבט ער אָן שרייבן קינדער־לידער. אַדאַנק זיין האַרציקן כאַראַק־טער, טיפע פריינדלעכקייט, איז זיין דירה, נעבן פּלאַץ רעפּובליק, גע־ווען אַ ווינקל פאַר אַזוי פיל יידישע קולטור־פריינד און יידישע שריי־בערס. אין די נאַצי־טעג, בעתן פאַרפאָלגן יידן, ווערט ער צוזאַמען מיט זיין פרוי אַרויסגענומען פון שטוב און אינטערנירט אין דראַנסי. דאָרט שוין, לעבט דוד פּליסקין איבער אַ גאָר גרויסע פערזענלעכע דראַמע: זיין פרוי קען נישט שלום מאַכן מיט דער אינטערנירונג און גאַנצן יידישן אומגליק, וואָס זי זעט זיך דאָרט אָן, וואַרפט זי זיך אַראָפּ פון אַ פענצטער און ווערט דערהרגעט.

דוד פּליסקין, אַליין אַ קראַנקער, אַ לונגען־ליידנדיקער, ווערט דע־פּאָרטירט און קומט שוין מער נישט צוריק.

ליגט פאַר מיר דאָס דעפּאָרטירטע בוך „וואונדערלאַנד", וואָס האָט געוואַנדערט אַזוי פיל יאָרן. איך לייען ווידער אַמאָל דוד פּליס־קינס האַרציקע קינדער־לידער, האַרציק ווי ער אַליין איז געווען, איך קוק אויף זיין האַנטשריפט און איך וויל מיר איינרעדן, אַז דאָס האָט

WITHDRAWN FOR USE IN CITY AND
WELFARE INSTITUTIONS ONLY.
NOT TO BE BOUGHT OR SOLD.

דאָוויד פּליסקין — װונדערלאַנד

[illegible] ליבן פרײַנט, [illegible] אין פרײַנטשאַפט. דאַוויד פּליסקין
18/2. 1958

(דוד פליסקינ'ס ווידמונג)

ער א י צ ט געשריבן, אַז ער לעבט, אַז ער איז ניצול געוואָרן פון די נאַציס, פונקט ווי זיין בוך, וואָס איך האַלט איצט אין מיין האַנט, אַז ער געפינט זיך איצט נישט ווייט פון מיר, דאָ ביים פּלאַץ רעפּובליק, ווז, אַז איך וועל מיך צואיילן, וועל איך אים נאָך קענען טרעפן...

דאָס בוך „וואונדערלאַנד“ איז פאַר מיר אַ מערקווירדיקער גרוס און גאַסט פון יענער וועלט, פון דער וועלט פון וואַנען מען קומט שוין מער נישט צוריק, פון יענער וועלט אין וועלכער עס זענען פאַרשווונדן אַזוי פיל מיליאָנען פון אונדזער פאָלק. „וואונדערלאַנד“ פאַרנעמט איצט ווידער אַן אָרט צווישן מיינע ביכער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך פיל, לעצטנס צוגעקומענע ווערק, וואָס דערציילן וועגן טראַגישן גורל און אומקום פון אַזוי פיל מיליאָנען, דוד פליסקינען אַריינגערעכנט.

2

צוריק פון אָשוויענטשים

אַזוי הייסט דאָס קליינע ביכל, וואָס איז דערשינען אין פּאַריז, אָנגעשריבן פון אַ יונגן פראַנצויזישן ייד ג י ק אָ ה ע ן. *

די צאָל זכרונות פאַרעפנטלעכט אין צייטונגען און אין ביכערפאָרם פאַרגרעסערט זיך. מען דאַרף זיך אָבער נישט וווּנדערן דערויף. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די בעסטע, די סאַמע וואָגיקסטע, וועגן די דייטשע אומקום-לאַגערס, וועלן נאָך לאַנג לאָזן אויף זיך וואַרטן. דאָס ביכל פון גי קאָהען, ווייניק אין דרוק-בויגנס, איז זייער איינפאַך אין דער דערציילערישער פאָרם. עס איז אָבער זייער פיל מיט אינטערעסאַנטע פּרטים, וואָס וועלן אָן ספק העלפן ביים אויפשטעלן דאָס גרויסע באַשולדיקונגס-ווערק קעגן די נאַציס.

אַרעסטירט אין יאַנואַר טויזנט ניין הונדערט פיר און פערציק און דעפּאָרטירט פון לאַגער דראַנסי קיין אָשוויענטשים אין חודש מערץ פון זעלביקן יאָר — אין אַ טראַנספּאָרט פון פופצן הונדערט יידן, ווערן טויזנט דריי הונדערט דריי און פופציק פּערזאָן פון דעם טראַנספּאָרט גלייך אַוועקגעשיקט צום טויט.

אָט וואָס מען לייענט ביי אים :

„...די סצענע, וועלכע איך האָב דאַן איבערגעלעבט, וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן מיין געמיט, ווען איך זאָל אפילו לעבן הונדערט יאָר. די אַלע מענער, די אַלע פרויען, די אַלע זקנים, די אַלע קינדער, אויפגעלאָדן אויף די אויטאָמאָבילן ווי די בהמות, די געשרייען, די געוואַלטן, וואָס זענען פאָרגעקומען בעת די וועגענער האָבן גערירט פון אָרט. די קינדער, וואָס האָבן גערופן : „מאַמע, מאַמע“, דאָס אַליין קאָן אַ מענטש נישט פאַרגעסן“.

Guy Kohen : Retour d’Auschwitz. (Souvenirs du déporté 174949) Paris 1945.

אָבער שוין ביז צום דעפּאָרטירן, פאַרנאָטירט ער אייניקע כאַראַקטעריסטישע פאַלן, וואָס באַווייזן ווי אַזוי די קרבנות האָבן ביז דער לעצטער מינוט געלעבט מיט אילוזיעס, אַז עס וועט נאָך אפשר בעסער ווערן. אילוזיעס, וועלכע די דייטשן גופא האָבן געזוכט צו וועקן ביי די פאַרמשפּטע, כדי אין זיי אָפּצוטעמפּן און נישט דערלאָזן יעטווועדן געדאַנק — פון רעוואָלט. אַזוי האָט מען אין לאַגער אין דראַנסי אָפּגענומען ביי די יידן זייער געלט, גאָלד און אַנדערע ווערטפולע זאַכן און זיי אַרויסגעגעבן אַ באַשטעטיקונג, אַז זיי וועלן דאָס אַלץ צוריקבאַקומען אויסגעצאָלט אין פּוילישע זלאָטעס דורך דער יידישער געמיינדע פון דער נייער רעזידענץ, וווּהין מען שיקט זיי איצט...

טויזנטער יידן האָבן געגלויבט... מען וועט דאָך זיי נישט געבן סתם קיין דאָקומענטן... זיי זענען געפאָרן אין אָנגעפּאַקטע וואַגאָנעס, אָן לופט צום אָטעמען, זיך געשטיקט און געהאָפּט...

אַז אין פּיטשיפּוי, אַזוי האָט מען אין לאַגער דראַנסי גערופן דאָס אומבאַקאַנטע אָרט, וווּהין מען ווערט געשיקט — וועט זיין בעסער, לייכטער...

און לעבנדיק אין דער שרעקלעכער אַשוויענטשים־אַטמאָספערע, ווו אַלץ, וואָס איז מענטשלעך איז געוואָרן אויף דעם געמיינסטן אופן צעטרעטן, שרייבט גי קאָהען:

„... זייער ווייניק צווישן אונדז זענען געווען פעאיק אונטערצושיידן צווישן גוטס און שלעכטס“.

דאָ, דאַרף מען זוכן די סיבה, וואָס אַזוי פיל פון צווישן די אומגליקלעכע מענטשן זענען אַראָפּגעזינקען ביז צום נעמען אַ שטעקן אין די אייגענע הענט אַריין, כדי צו שלאָגן און דערשלאָגן אייגענע ברידער.

וועגן דעם ווילן צום לעבן, אויסצוהאַלטן, טראָץ דער אומגלויבלעכקייט, לייענט מען אין ביכל:

„... די פּוילישע יידן, וועלכע איך האָב געקענט אין לאַגער, האָבן געהערט צו די, וואָס האָבן דערקענט אַלע מעגלעכע ליידן. די דאָזיקע יידן, וואָס די מערהייט פון זיי, האָט געזען אומברענגען זייערע פאַמיליעס, זענען געווען סופּער־פּעסימיסטן. אויף מיין פראַגע: „גלויבסטו, אַז עס איז פאַראַן אַ האָפענונג אַרויסצוקריגן זיך

פון דאנען ?" וואָס מיר איז אויסגעקומען פיל פון זיי צו שטעלן, האָבן מיר אַלע געענטפערט: „קיין שום האָפענונג." און דאָך... זיי האָבן געלעבט, זיי האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דעם לעבן פון ברוטאַליטעט, היינט אין לאַגער, מאָרגן אין די מינעס, איבערמאָרגן ערגעץ אַנדערש".

גי קאָהען געלינגט עס לסוף באַשטימט צו ווערן צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע אַלס בוכהאַלטער אין אַ ביוראָ. די באַשטימונג איז פון גרויסער וויכטיקייט. ער וועט נישט אַרבעטן אַזוי שווער און נישט ליידן אַזוי שרעקלעך פון קעלט. פאַרן אָנהויבן די נייע אַרבעט זאַמלט דער לאַגער־עלטסטער צונויף די גרופּע און האַלט פאַר זיי פאָלגנדיקע דרשה:

„מיינע טייערע מלאכימלעך. זענט איר איצט בוכהאַלטערס, זייט צופרידן. איר וועט איצט ווייניקער הונגערן און נישט ליידן מער קיין קעלט, אייער אַרבעט וועט זיין אַ באַשעפטיקונג פון מענטשן און נישט פון בהמות. פאַרגעסט אָבער נישט, פאַרגעסט קיינמאָל נישט, אַז איר זענט „העפטלינגע", דאָס הייסט, ווערעם און אַז קיין איינער פון אייך וועט פון דאַנען נישט אַרויס לעבעדיק. איר וועט דאָ אַלע קראַפּירן!"

גי קאָהען'ען געלינגט עס יאָ אַרויסצוקומען לעבעדיק. אין די דעצידירנדיקע שעה'ען פון דער באַפרייאונג, ווערט ער מיט פיל אַנדערע אַרויסגענומען פון אַ צוג, אַריינגעפירט אין אַ וואַלד, וווּ די עס־עסלייט שיסן אין די דעפּאָרטירטע. גי קאָהענען, געלינגט אַדאַנק דער פינצטערניש, זיך צו באַהאַלטן און אין איניקע טעג אַרום ווערט ער ענדגילטיק געראַטעוועט דורך דער אָנקומענדיקער רויטער אַרמעי.

בעת דער עוואַקואַציע פון אָשוויענטשים שרייבט ער:

„...מיר זענען דורכגעגאַנגען די שטאָט גלייוויטץ אונטער חוזקן און שפּייערייִ פון די ציווילע דייטשן. איבערהויפּט זענען די פרויען געווען שרעקלעך".

גי קאָהען האָט אויך געהאַט דאָס גליק אָפּעדירט צו ווערן אין דעפּאָרטאַציע דורך אַ יידישן כירורג, אַ זאַך גאָרנישט קיין פּשוטע אין די גיהנום־באַדינגונגען און בעת דער עוואַקואַציע, איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן פון אַן עס־עס־מאַן, וואָס האָט אויף אים געשאָסן

(צייכענונג פון פ. רייש. פונעם בוך „גבית עדות וועגן
אָשוויענטשים“ (TEMOIGNAGES SUR AUSCHWITZ)
אַרויסגעגעבן דורכן פראַנצויזישן פאַריין פון געוועזענע
דעפּאָרטירטע אין אָשוויענטשים, פּאַריז 1946)

פאַר נישט גענוג שנעל איינשטייגן אין אַ וואַגאָן. דרייסיק שעה איז ער געפאָרן שטייענדיק, מיט דער כסדר בלוטנדיקער ווּנד... און אויב ער איז לעבן געבליבן, האָט ער עס צו דאַנקען אַ פראַנצויזישן חבר, וועלכער האָט מיט אַ געוואַלטיקער איבערגעגעבנהייט געזאָרגט פאַר אים, געפלעגט און אים געראַטעוועט.

היטלער האָט נישט געקאָנט אויסוואָרצלען דאָס מענטשלעכע, וואָס האָט פאָרט נאָך געלעבט צווישן די גייסטיק דערנידעריקטע און אין פלוג שוין צעטרעטענער מענטשלעכקייט צווישן די דע־פאָרטירטע.

דאָס ביכל פון גי קאָהען איז קליין, אָבער פול מיט אינטערעסאַנטע פרטים, דערציילט אין אַ זייער פשוטער, טיף מענטשלעכער שפּראַך.

אַ וויכטיקער ביישטייער פאַר די געשיכטע־שרייבערס וועגן דעם נאַצישן גיהנום.

▲

3

דער לעצטער שאַנס

אַזוי האָט געהייסן דער פילם, וואָס איז געוויזן געוואָרן אין פראַנקרייך און אין אנדערע לענדער מיט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג. דער סוזשעט פון דעם פילם איז געווען אַ גאַנץ נייער: ער האָט באַהאַנדלט דאָס אַנטלויפן אין דער שווייץ, בעת דער היטלערישער מלחמה, דאָס זוכן פון מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער, זיך צו ראַטעווען פון די נאַציס, דורכן אַריינקריגן זיך אין דעם קליינעם העלוועטישן לאַנד, וואָס איז אַדאַנק פאַרשידענע טעמים אָפּגעשוינט געוואָרן פון אַריינגעצויגן צו ווערן אין דער בלוטיקער צווייטער וועלט־מלחמה און אַזוי אַרום געווען אַן אינדזל אין מיטן ברענענדיקן אייראָפּע... קיין שווייץ זענען געלאָפן צענדליקער טויזנטער מענטשן און נאָר אַ קליינעם טייל פון זיי איז געלונגען זיך דורכצושמוגלען די אַלע גרענעץ־וואַכן און אַלע אַנדערע געפאַרן און זיך אַריינצוקריגן אין דעם גליקלעכן לאַנד. דאָ האָבן זיי זיך געקענט אָפּרוען פון נאַצישן קאָשמאַר און פּרובירן וואַרטן אויפן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דאָס שמוגלען אין דער שווייץ — וועמענס עיקר־גרענעץ שטעלען מיט זיך פאָר די אַלפּן, איז גאָרנישט געווען פון די לייכטע זאַכן, דערצו נאָך אין ווינטערצייט; עס האָט געפאָדערט אַן איבערמענטשלעכן כוח, און פיל פון די, וואָס האָבן געצויגן מיט זייערע לעצטע כוחות אין דעם לאַנד אַריין, זענען טאַקע אויפן וועג פאַרלוירן געוואָרן, אומגעקומען אין די שנייען. דערצו נאָך אַלע אַנדערע געפאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף די אומגליקלעכע, וועלכע האָבן

געזוכט זיך צו ראַטעווען פֿון פֿאַרשידענע מוסאָליניש־איטאַליענישע און פּעטעניש־פֿראַנצויזישע גרענעץ־פּאָליציי און די נאַצישע עס־עס און מיליטער. און פּונקט ווי מיר ווייסן וועגן אומגעקומענע אין די שנייען — ווייסן מיר אויך וועגן אַ סך דערשאָסענע און אומגעקומענע אויף דער גרענעץ פֿון די נאַצישע קוילן. און דערצו די געכאַפּטע, פֿאַר וועמען דאָס אַנטלויפֿן קיין שווייץ האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט טרויעריקע דעפּאָרטאַציעס, נאַצי־גיהנום און פֿאַר אַזוי פֿיל פֿון זיי מיט די באַרימטע גאַז־קאַמערן... אָבער נאָך נישט מיט די אַלע אויסגערעכנטע געפֿאַרן וואָס האָבן געלויערט אויף די אַריבערלויפֿערס אויף טריט און שריט — איז געווען פֿאַרבונדן דאָס שמוגלען זיך קיין שווייץ. עס איז געווען נאָך אַ געפֿאַר, וואָס האָט דערפֿירט צו שרעקלעכער פֿאַרביטערונג, פֿאַרצווייפֿלונג און אין פֿיל פֿאַלן אויך צו זעלבסטמאָרד פֿון די אַריבערלויפֿערס, און גענומען האָט עס זיך פֿון דעם, וואָס נאָכן איבערקומען די אַלע גרענעץ־געפֿאַרן, נאָכן דורכרייסן זיך די אַלע וואַכן און אַריינרייסן זיך ענדלעך אין דער שווייץ — איז נאָך דער ענין נישט געווען געענדיקט: מען האָט נאָך די אַלע אָנשטרענגונגען געמוזט באַקומען אַ דערלויבעניש פֿון דער שווייצאַרישער רעגירונג צו פֿאַרבלייבן אין לאַנד. און די מערהייט האָט עס טאַקע נישט באַקומען, איז צוריקגעשיקט געוואָרן און אָפּט, דורך דער שווייצאַרישער מאַכט גופֿא אויסגעליווערט געוואָרן אין די הענט פֿון די נאַצים.

איז טאַקע דאָס קאַפּיטל פֿון אַנטלויפֿן קיין שווייץ — אַן אויסערגעווענלעך רייכער מאַטעריאַל פֿאַר פֿילם, רייך אין עמאָציעס, אין געשפּאַנטע סיטואַציעס, רייך אין טראַגיק. איז קיין וווּנדער נישט פֿאַרוואָס דער פֿילם „דער לעצטער שאַנס“ האָט אַרויסגערופֿן אַזאַ אינטערעס, און ווייל דער פֿילם איז גוט געמאַכט געוואָרן, גרויסאַרטיק געשפּילט, האַלט ער דעם עולם פֿון דער ערשטער מינוט אָן ביז צום סוף אין געשפּאַנטקייט.

מיט מיין שרייבן בין איך אָבער נישט אויסן צו געבן אַ וועלכע עס איז רעצענזיע וועגן דעם פֿילם, אָנצווייזן אויף די מעלות זיינע — און וואָס דער פֿילם איז גאָר רייך. וואָס איך בין אויסן, איז צו ציען די אויפֿמערקזאַמקייט אויף די צילן, וואָס די שעפֿערס פֿון דעם דאָזיקן פֿילם האָבן געזוכט, ווייל עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען,

אַז דאָ האַנדלט זיך נאָר אין אַ גוט געמאַכטן פילם אויף אַ פרישן, רייכן און אָריגינעלן סוזשעט, ניין, „דער לעצטער שאַנס“ איז אַ שווייצער פילם, פון יענעם לאַנד, איז אַרויסגעקומען דאָס ווערק, וואָס איז געגאַנגען איבער דער וועלט און וואָס האָט געהאַט איין ציל, פרובירן זיך פאַרענטפערן, פרובירן זיך פאַרטיידיקן פאַר דער באַשולדיקונג, וואָס צענדליקער טויזנטער מענטשן — און דער עיקר אַזוי פיל יידן, האָבן צו מאַכן אויפן חשבון פון דער שווייץ פאַר דער ברוטאַליטעט, וואָס דאָס לאַנד האָט אַרויסגעוויזן צו די אַלע, וועלכע האָבן געזוכט זיך צו ראַטעווען. די שווייצער מאַכט האָט זיי נישט נאָר צוריק אַרויסגעטריבן, נאָר אויך מאַסנהאַפט איבערגעגעבן גלייך אין די הענט פון דער פראַנצויזישער ווישי-פאָליציי און זשאַנדאַרמען און מאַסן פון די אומגליקלעכע, זענען אין רעזולטאַט פון דעם אויסליווערן זיי, געוואָרן דעפאָרטירט און שוין מער נישט צוריקגעקומען.

אויך דער שרייבער פון די שורות מיט פרוי און קינד געהערן צו די יעניקע, וואָס זענען אין חודש אָקטאָבער טויזנט ניין הונדערט צוויי און פערציק אַריבער די שווייצער גרענעץ — און דורך דער זעלביקער שווייצאַרישער „דעמאָקראַטיע“ צוריקגעשיקט געוואָרן אין ווישי-פראַנקרייך. איך בין דאַן געווען חדשים לאַנג אין קאָנצענטראַציע-לאַגערס און על-פי נס זיך געראַטעוועט פון דעפאָרטאַציע.

די שווייצער ווייסן דאָס גוט — און דער פילם „דער לעצטער שאַנס“ איז אַ פרוּוו זיך צו רעהאַביליטירן פאַר די אַלע פאַרברעכנס וואָס זיי האָבן אָפגעטאָן. פאַר זייער גרויזאַמען עגאָאיזם, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן און וואָס זיי פרובירן אין דעם פילם פאַרענטפערן, אַז — „די שווייץ איז קליין... מיר האָבן נישט גענוג צו עסן“...

איך ווייס, אַז די שווייץ האָט געציטערט פאַר איר שרעקלעכן שכן, פאַר היטלערן, און געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן נישט אויפצורייצן קעגן זיך די נאַצישע בעסטיע און דעריבער נישט געטאָרט לאָזן וועגן זיך דעם איינדרוק, אַז דאָס לאַנד איז אַ מקום מקלט פאַר אַלע היטלערס שונאים. איך ווייס אָבער אויך, אַז נישט פון דעם איז געווען אָפהענגיק דער יאָ אָדער נישט איבערפאַלן די שווייץ. ווען די שעה וואָלט געווען געשלאָגן און די נאַצים וואָלטן איינגעפינען, אַז עס איז

צייט זיך צו לאָזן גיין אויף שווייץ — וואָלט זי געמעגט זיין אַזוי אומשולדיק ווי די לבנה וואָלטן עס זיי נישט אָפּגעהאַלטן פון דורכפירן זייערע רויבערישע כוונות.

די ראָלע, וואָס די שווייץ האָט אויסגעפירט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה צו טויזנטער מענטשן און ספּעציעל צו יידן — וואָס האָבן געזוכט זיך צו ראַטעווען, פאָדערט אַ גאַנץ באַזונדערע שטודיע — און די ראָלע איז לויט מיין איבערצייגונג געווען אַ שענדלעכע. זי האָט אַריינגעלאָזט אַ נעבעכדיקע צאָל מענטשן און צען מאָל אַזוי פיל אַריינגעטריבן אין די הענט פון די נאַציס, דעם רוב פון זיי אַליין אויסגעליווערט און דערפאַר, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ פילם, כדי צו פּרובירן זיך ריינוואַשן... פיל מענטשן, וואָס האָבן געזעען דעם פילם, איז אפשר געלונגען צו איבערצייגן, אַז די שווייץ איז געווען גאָט די נשמה שולדיק... נאָר די אַלע, וואָס זענען אַנטלאָפן אין דער שווייץ, וואָס האָבן געזעען זייער רעטונג אין דעם אַריבערקומען אין דעם לאַנד אַריין און זענען דערנאָך אויסגעליווערט געוואָרן צו דער נאַצישער פּאָליציי — פאַר זיי וועט זיך די „דעמאָקראַטישע שווייץ“ נישט קענען פאַרענטווערן און אוודאי נישט פאַר דעם רוב יידן, וואָס זענען אומגעקומען אין אָשוויענטשים און אין אַנדערע לאַגערם, אויסגעליווערט דורך דעם לאַנד, אין וועלכן זיי האָבן געזעען דעם „לעצטן שאַנס“...

4

"און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן" *

די דאָמינירנדיקע טעמע אין דער יידישער ליטעראַטור, איז פאַרשטייט זיך, דער איבערגעלעבטער חורבן.

קען עס דען זיין אַנדערש ?

אונדזער פאַרגאַנגענהייט, אונדזער געשיכטע ווייס צו דערציילן פון ימים אומגליק, וואָס אונדזער פאָלק האָט אויסגעטראָגן אויפן וועג פון זיין לאַנגן גלות, ווען ימים פאַרגאָסן בלוט איבער אַלע לענדער פון קריסטלעכן אייראָפּע ; דאָך האָט קיינעם נישט געקענט איינפאַלן אַ חורבן פון אַזאַ פאַרנעם, ווי מיר האָבן עס איבערגעלעבט אין די טעג פון היטלערן.

קענען מיר נישט קומען צו זיך, קענען מיר זיך נישט באַרואיקן און מיר מוזן דערציילן וועגן די דורכגעלעבטע אומגלויבלעכע גרוילן.

די חורבן=טעמע וועט לאַנג, לאַנג דאָמינירן אונדזער לעבן און אונדזער ליטעראַטור, אפשר לענגער ווי מיר שטעלן זיך עס פאָר.

דאָס בוך פון לייב ראָכמאַן „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן" איז אַ דאָקומענט וואָס דערציילט וועגן דורכגעלעבטן חורבן.

ס'איז אַ ווערק, וואָס דערציילט וועגן אַ שוידערלעכער צייט, געשריבן אין אויסטערלישע באַדינגונגען, מיט נישט קיין געוועג=לעכן כוח.

---

* טאָג־בוך פון לייב־ראָכמאַן, פאַר די יאָרן 1943־1944, אַרויסגעגעבן אין פאַריז, 1949, דורך דער געזעלשאַפט „פריינד פון מינסק־מאַזאָוויעצק".

אגב האָב איך גרויסע טיילן פון דעם בוך, געקאָנט נאָך פון פריער, פון פאַרן דערשייגען; אין יאַנואַר 1947 בין איך געווען אין דער שווייץ, וווּ איך האָב מיך באַקאָנט מיט לייב ראָכמאַנען, וועלכער האָט זיך דאָרט געהיילט פון דער ירושה וואָס איז אים פאַרבליבן פון די מלחמה־יאָרן; דעמאָלט האָט ער מיר געלייענט אַ גרויסע טייל פון דעם בוך.

דער איינדרוק אויף מיר איז געווען אומגעהויער, און קומענדיק צוריק, האָב איך געשריבן וועגן דעם דאָקומענט, אַז עס גרייט זיך צו דערשיינען אַ גרויס ווערק.

איצט קאָן איך דעם גאַנצן אינהאַלט פון דעם בוך, „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן“ איז אַ גרויס ווערק.

*

פאַראַן פיל צו זאָגן וועגן לייב ראָכמאַנס בוך: פאַר אַלעם וועגן חורבן, ווי ער האָט אים געזעען אין זיין פויליש שטעטל מינסק־מאַזאָוויעצק, און אין די אַרומיקע דערפער; וועגן די ארויסגעפירטע פערסאָנאַזשן און פסיכאָלאָגיע פון די אַלע פאַרשידענע מענטשן, וועגן וועלכע ער דערציילט; דאָס פוילישע דאָרף, דער פוילישער און יידישער מענטש; די פאַרצווייפלונג, אָפּטימיזם, גלויבן א. אַ.

מען דאַרף אָבער נישט מיינען אַז לייב ראָכמאַן דערציילט אין זיין בוך אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען אין אַנדערע ערטער, אין אַנדערע זכרונות נישט פאַראַן, ניין! פיל פון דעם וואָס ראָכמאַן דערציילט, איז פאַראַן אויך ביי אַנדערע מחברים, עס האַנדלט זיך נישט אין דעם מאָמענט וועגן דער טראַגעדיע פון דעם אָדער אַנדערן שטעטל; נישט וויכטיק די נעמען פון די פאַרברעכערס, וואָס האָבן אויף איין אָרט געהייסן אַזוי און אויף אַן אָרט אַנדערש; דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען, אין געווען איין מוראדיק אומגליק וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן יידישן לעבן, אין דעם געגעבענעם פאַל, האַנדלט עס זיך אין דעם, ווי אַזוי דאָס איבערגעלעבטע ווערט אונדז דערציילט, און דאָ דאַרף געזאָגט ווערן, אַז לייב ראָכמאַן האָט אין זיין בוך דערגרייכט אַזאַ הויך, ווי קיין שום אַנדערער דערציילער וועגן יידישן אומגליק און יידישן אומקום.

אויף דריי אייגנשאַפטן פון ווערק מוז איך זיך אָפּשטעלן:

פאַר אַלעם די ערנסטקייט פון דערציילטן, געברענגטן מאַטעריאַל, איינס פון די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן פון בוך, ווי אַ באַזע פאַר דעם קומענדיקן געשיכטע־שרייבער.

דער אופן פון דערציילן, וואָס געשעט מיט די סאַמע פשוטסטע מענטשלעכסטע ווערטער, אָן געיעג נאָך פראַזן, נאָך ספּעציעלע אויסדרוקן, נאָך ליטעראַרישע עפעקטן. און טאַקע די פשוטע, טיפמענטשלעכע פאָרם פון דערציילן טרייסלט אויף ביז גאָר.

לסוף, דער קינסטלערישער כוח וואָס רעדט אַרויס פון יעדער שורה פון בוך.

זענען דעריבער פאַרשטענדלעך די שורות וועלכע מיר לייענען ביים באַקאַנטן עסעאיסט שלמה ביקל: *)

„מיר האָבן ביי די עטלעכע זיצונגען, וואָס מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַרומגערעדט אַ שפּאָר ביסל ביכער פון יאָר 1949, וואָס זענען רואי געווען פּרעמירט צו ווערן. אָבער אַלעמאָל, ווען עמיצער פון די חברים האָט דערמאָנט דאָס בוך פון לייב ראָכמאַן, האָבן מיר אַלע דערפילט, אַז דאָס דאָזיקע ווערק טיילט זיך אויס מיט זיין אנדערשקייט פון אַלע ביכער פונעם יאָר. די פיר פון אונדז, וואָס האָבן ראָכמאַנס באַריכט וועגן זיין ניסימדיקער רעטונג, שוין געהאַט געלייענט אין דער פּרעסע און אויך דער פינפטער חבר, וואָס האָט עס איבערגעלייענט צווישן צוויי זיצונגען פון אונדזער קאָלעגיע, האָט מסכים געווען, אַז דאָס בוך האָט אויף זיי געמאַכט אַן אומגעווייינלעכן רושם, אַז דאָס בוך גייט זיי נאָך, זיי קענען עס נישט פאַרגעסן".

דאָס ווערק פון לייב ראָכמאַן, איז געשריבן בעת די געשעענישן, אין די טראַגישע טעג בעתן איבערלעבן דעם גרויל, אָן האָפענונג אַז זיין שרייבן וועט דערגיין צו דער וועלט. עס איז דאַן נישט געווען קיין צייט צו שפּילן זיך אין ליטעראַטור, נאָר די ערלעכקייט פון זיין

---

* „דווקא" נ. 8 פון יאָר 1951 — בוענאָס־אײרעס באַריכט פון שלמה ביקל, אין נאָמען פון דער זשורי־קאָלעגיע וואָס האָט צוגעטיילט לייב ראָכמאַנען, דעם „לייב־האָפּער"־פּרייז פון יאָר 1950, פאַר זיין בוך „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן".

(לייב ראָכמאַן און זיין פרוי אסתר אין פּאַריז 1949)

דערציילן, די געוואַלטיקע, טיף=מענטשלעכע שפּראַך, און דער גרויסער קינסטלער, וואָס האָט אומבאַוווּסט געלעבט אין אים, האָבן זיינע זכרונות פאַרוואַנדלט אין אַ גרויס ווערק.

*

נאָך דער ערשטער וועלט=מלחמה, איז געבוירן געוואָרן אַ גרויסע ליטעראַטור וואָס האָט דערציילט וועגן גרויל פון די פיר יאָר בלוט=פאַרגיסונג. פון צווישן דער גרויסער מאַסע מלחמה=ליטעראַטור האָבן זיך אויסגעטיילט אַ באַשטימטע צאָל ווערק וואָס האָבן צוליב זייערע דערציילערישע מעלות, געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם ברייטסטן עולם. דאָס איז געווען „פייער" פון באַרביס, „דער קריג" פון לודוויק רען, אַ. אַ. דערנאָך איז געקומען „אויפן מערב קיין נייעס" וואָס איז געקרוינט געוואָרן ווי דאָס מעכטיקסטע ווערק פון דער גאַנצער קריג=ליטעראַטור.

איך האָב נישט ליב איבערצוטרייבן. איך האָב עס נישט ליב ביי יענעם, און היט מיך אַליין אויס פון אַזאַ זאַך, און דאָך, טראַכטנדיק וועגן די אַלע אייגנשאַפטן פון לייב ראָכמאַנס בוך, מוז איך עס אַוועקשטעלן אין דער זעלבער קאַטעגאָריע, און זעלבער הויך ווי דאָס בוך פון רעמאַרקן. אוודאי זענען עס ווערק פון צוויי באַזונדערע וועלטן, באַזונדערע געשעענישן, באַזונדערע טראַגעדיעס, וואָס זענען אָבער נאָענט צו זיך דורך די גרויסע קינסטלערישע מעלות פון די צוויי שרייבער.

לייב ראָכמאַנס ווערק „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן" האָט פליגל, וואָס וועלן דאָס בוך פאַרטראָגן אין דער ווייטער, ווייטער צוקונפט, ווי אייגנס פון די סאַמע באַדייטנדיקסטע ווערק וועגן איבערגעלעבטן גרויל.

5

דאָס יידישע אַמסטערדאַם

ווען דער צוג שטעלט זיך אָפּ אין שטעטל ראָזענדאַל, געפינען מיר זיך שוין אויף דער האָלענדישער טעריטאָריע, מיר שטייען דאָ אומגעפער אַ האַלבע שעה צייט, פּאַרטיקן זיך אָפּ מיט די גרענעץ=פּאָרמאַליטעטן און דאַן הויבט זיך אָן די נסיעה אין דער טיף פון לאַנד, איבער ראָטערדאַם, האַאַג — קיין אַמסטערדאַם.

נאָך אויף דער בעלגישער זייט הויבט מען אָן אויפמערקזאַם צו ווערן אויף דער פלאַכקייט פון פּייזאַזש איבער וועלכן דער צוג לויפט. וואָס טיפער מיר קומען אַריין אין דער האָלענדישער טעריטאָריע, אַלץ שטאַרקער ווירקט אויף אונדז דאָס כסדרדיקע זען אַ גלאַט=גלייך פלאַך לאַנד.

די פלאַכקייט פון האָלאַנד איז גוט באַקאַנט. אָבער ווען מען זעט זי, רופט עס אַרויס אַ מאָדנע געפיל: נישט פאַראַן קיין בערגל, קיין אַרויסגעהויבענער פלאַץ. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי די ערד דאָ וואָלט דורך מענטשן בכיוון אַזוי אויסגעגלייכט געוואָרן...

אַז די האָלענדער האָבן אַ גרויסן שייכות מיטן אויסזען פון זייער פּייזאַזש, איז איבעריק צו רעדן. עס איז אַ לאַנד, וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון ים. אַ לאַנד, פון וועלכן מען האָט פאַרטריבן דאָס וואַסער, אויסגעטריקנט די ערד און אויפגעבויט אויסערגעוויינלעכע דאַמבעס צו באַשיצן די ערד פונעם וואַסער, וואָס איז שטענדיק גרייט עס צוריק איינצושלינגען... נידערלאַנד, ווי מען רופט טאַקע דאָס לאַנד, איז די נידעריקסטע אויבערפלאַך פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט. נאָר איין פינפטל פון לאַנד איז העכער פונעם ים=פלאַך — דער העכסטער פּונקט איז דריי הונדערט מעטער הויך. צוויי פינפטל טעריטאָריע פון האָלאַנד מוזן שטענדיק באַשוצט ווערן פון דעם העכערן וואַסער, און דער

פראָצעס פון אַרויסרייסן ווייטערדיקע שטחים ערד פון וואַסער גייט כסדר אָן — און נישט אומזיסט זאָגן די האָלענדער:

— גאָט האָט באַשאַפן דעם ים — און מיר די ברעגעס...

איך פאָר צום ערשטן מאָל אויף דער האָלענדישער ערד און טרעט נישט אָפּ פון וואַגאָן־פענצטער. אַלץ, וואָס די אויגן זעען אינטערעסירט: די פעלדער זענען פיין באַאַרבעט, די קליינע הייזער, נישט געטונקטע, שפּילן מיט זייערע רויטע ציגל און ווייזן אויס צו זיין ציכטיקע, ריינע. די פעלדער זענען פול מיט אַ סך זיך פּאַשנדיקע בהמות. אָט זעט זיך פון דערווייטנס אַ ווינט־מיל — און באַלד נאָך אַ ווינט־מיל און אָט זע איך שוין אויפן האָריזאָנט אַ זעקס — זיבן ווינט־מילן. די ווינט־מילן, מיט וועלכע דער האָלענדישער פּייזאַזש איז אַזוי באַרימט און וועלכע מיר קענען אַלע פון די בילדער, וואָס עס האָבן אונדז איבערגעלאָזט די האָלענדישע מאָלערס פון זיבצנטן און אַכטצנטן יאָרהונדערט.

מיט אַ צייט צוריק פאַר מיין נסיעה, האָב איך געלייענט אין די צייטונגען די ידיעה, אַז די האָלענדישע רעגירונג איז באַזאָרגט וועגן דעם גורל פון די ווינט־מילן, אַז זי נעמט אָן מיטלען זיי צו באַשיצן פון גאַנג פון דער צייט, כדי אַזוי אַרום צו דערהאַלטן די כאַראַקטעריסטיק און אייגנאַרט פון האָלענדישן פּייזאַזש.

קוקנדיק אויף די ווינט־מילן, וואָס מאָלן זיך אויפן האָריזאָנט און דערמאָנענדיק זיך אין דער געלייענטער ידיעה — האָב איך געמוזט שמייכלען: קאָן מען זיך אַנטקעגנשטעלן דעם גאַנג פון דער צייט? מען קאָן דערהאַלטן, אַפילו אָפּהיטן די פאַראַנענע ווינט־מילן, אָבער אַלץ אַרום איז אַזוי פאַרענדערט, אַזוי אַנדערש ווי מיר קענען עס פון די בילדער פון די אַלטע האָלענדישע מאָלערס. דער טעכניש־מאַטעריעלער פּראָגרעס דרינגט דאָך אַריין אומרחמנותדיק פון אַלע זייטן.

אמת, די קליינע הייזער און שטעטלעך, וואָס מיר זעען דורכן וואַגאָן־פענצטער פון לויפנדיקן צוג, טראָגן זייער פרישקייט, דערהאַלטן נאָך אין זיך דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דער האָלענדישער אַרכיטעקטור. איך מיין דאָ קודם כל זייערע דאַך־שפּיצן, וואָס טיילן אָפּ אין דער הויך איין הויז פון אַנדערן און פאָרמירן אָריגינעלע זיג־זאַגן. אָבער אויפן גאַנצן וועג, איבער אַלע פעלדער, נישט

רערנדיק שוין וועגן די טעלעפאָן= און טעלעגראַף=סלופעס, הויבן זיך
אָן באַווייזן גרויסע מעטאַלענע טורעמס, די עלעקטרישע קאַבל=טרע=
גערס, וואָס שניידן דורך דאָס לאַנד, דאָ און דאָרט אַ קוימען פון
אַ פאַבריק און די פאַבריקן גופא, מאָדערנע געביידעס — און צווי=
שן דעם אַלעם שטייען ווי אַן אַנאַכראָניזר די ווינט=מילן,
וועלכע האָבן אין זייער איבערוועגנדיקער מערהייט שוין פאַרלוירן
זייער נוצלעכקייט און וואָס מען זוכט אויפצוהאַלטן — „כדי אָפצו=
היטן די אייגנאַרט פון האָלענדישן פייזאַזש“.

אגב זאָל דאָ דערציילט ווערן, אַז אויב אין האָלאַנד האָבן זיך
אַזוי געמערט און פונאַנדערגעבליט די ווינט=מילן, איז עס גע=
שען נישט צוליב דער גרויסער מאַסע תבואה, וועלכע זיי האָבן גע=
האַט צום מאָלן, נאָר ווייל מער ווי אַ העלפט פון זיי, איז געוואָרן
באַנוצט צום אויסטריקענען די ערד און צו אַנדערע אַרבעטן. איצט
האָבן די ווינט=מילן פאַרלוירן זייער באַטייט. — די עלעקטרישע
מאַשין מאַכט עס בעסער און זיכערער.

*

דער צוג פאָרט שוין איצט איבער ראָטערדאַם. אַ פרעכטיק
בילד זעט זיך דורכן וואַגאָן=פענצטער: אַ גרויסע שטאָט מיט נישט
קיין צו גרויסע הייזער. מען פאָרט פון איין בריק אַראָפ, אויף דער
צווייטער אַרויף. פון אונטן גרויסע ברייטע וואַסער=קאַנאַלן, אַ שיי=
נער אויסבליק אויפן פאָרט, ווו עס אַנקערן אומצאָליקע שיפן.

ראָטערדאַם האָט אין די טעג פון נאַציישן אָנגריף אויף האָלאַנד
— דעם פערצנטן מאַי טויזנט ניין הונדערט און פערציק — געליטן
פון אַ מוראדיקער באָמבאַרדירונג, בעת וועלכער עס איז צעשטערט
געוואָרן דער עלטסטער צענטער פון דער שטאָט, אַ שטח פון צוויי
הונדערט און זעכציק העקטאַר. עס זענען דאַן פאַרניכטעט געוואָרן
אַכט און צוואַנציק טויזנט דירות און פיל היסטאָריש=וויכטיקע מאָ=
נומענטן, מיט דער אַלטער באַרימטער סינאַגאָגע. די שווידער=
לעכע באָמבאַרדירונג האָט געקאָסט דאָס לעבן פון פינף טויזנט
מענטשן.

פון וואַגאָן־פענצטער זעט מען, אַז אין דער שטאָט גייט אָן אַ גאָר גרויסע בוי־אַרבעט.

און אָט זענען מיר שוין אין האַאַג — אין דער שטאָט פון באַרימטן אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל... אונדז ייִדן דערמאָנט די שטאָט אין ברוך שפּינאָזאַ, וועלכער האָט דאָ געוווינט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, און דאָ אויך געשטאָרבן. דאָס הויז אין וועלכן ברוך שפּינאָזאַ האָט געלעבט און געשטאָרבן, איז גוט דערהאַלטן. ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך דאָרט געפינען אַ מוזיי, געווידמעט דעם גרויסן ייִדישן פילאָזאָף, אָבער די נאַציס האָבן עס אין דער אָקופּאַציע־צייט פאַרניכטעט. היינט — איז דאָס הויז באַוווינט פון פּשוטע שטערבלעכע — בלויז אויף דער גאַס, פאַרן הויז שטייט אַ בראָנזענער מאָנומענט פון שפּינאָזאַ׳ן, וועמענס ביינער געפינען זיך אין אַ ברידער־קבר אין אַ גאָרטן פון אַ דערנעבנדיקער קירכע.

דער צוג לויפט איבער פעלדער, וואַסערן און שטעטלעך. מיר פאָרן שוין איצט דורך לײדען, די שטאָט פון בילדונג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן זייער פיל באַרימטע האָלענדישע מאָלערס. אָבער גאַנץ ספּעציעל גרויסט זי זיך מיט דעם סאַמע גרעסטן מאָלער אירן רעמבראַנדט, וועלכער איז דאָ אין יאָר טויזנט זעקס הונדערט זעקס געבוירן געוואָרן. באַלד פאָרן מיר אויך פאַרביי האַרלעם, וואָס איז באַרימט אין דער וועלט מיט אירע בלומען, באַזונדערס מיט טוליפּן, וואָס וואַקסן דאָ אויף מערערע קילאָמעטער־לאַנגע פעלדער. פּסח־צייט, ווען די בלומען בליִען דאָ, שטעלט האַרלעם מיט זיך פאָר אַזאַ פּרעכטיק בילד, אַז מען קומט ממש פון דער גאַנצער וועלט זען דאָס געטלעכע בלומען־ווערק. נאָך געציילטע מינוטן — און דער צוג קומט אָן צום ציל פון מיין נסיעה, קיין אַמסטערדאַם.

*

איך בין איצט דאָס ערשטע מאָל אין דער שטאָט — און דאָך גיי איך אַראָפּ פון צוג מיט אַ מערקווירדיק געפיל, אַז אַלץ דאָ האָט מיט מיר אַ שייכות, אַז אַלץ, וואָס איך זע דאָ צום ערשטן מאָל, קאָן איך שוין פון לאַנג...

אַוודאי זע איך צום ערשטן מאָל די גאַסן און די געביידעס אַרום דעם וואָקזאַל. איך זע צום ערשטן מאָל די בלויע עלעקטירשע טראַמווייען, וואָס זייער בויגן איז אַ געגויע קאָפּיע פון דעם אַמאָליקן עלעקטרישן טראַמוויי אין וואַרשע. אַוודאי איז דאָס אַלץ פאַר מיר גיי, אָבער די שטאָט אַמסטערדאַם איז איינגעוועבט אין מיין בלוט, אין מיין יידישער פּסיכיק. פון קינדוויז אָן האָבן מיר זיך אין אונדזער יידישער היים באַקענט מיטן נאָמען אירן, געזען אים געדרוקט אויף אַזוי פיל יידישע ספרים. פון די פריעסטע יאָרן אָן זיך אָנגעלייענט וועגן די מאַראַנען, וואָס האָבן זיך אַהער געראַטעוועט פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אינקוויזיציעס, געלייענט וועגן אוריאל אַקאָסטאַ (דאַ קאָסטאַ) און וועגן ברוך שפּינאָזאַ, וועלכער איז דאָ געבוירן געוואָרן. אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן געלעבט אַזעלכע יידישע פּערזענלעכקייטן ווי ר׳ יצחק אבוהב, ר׳ שאול מאַרטייראָ, דער מערקווירדיקער ר׳ מנשה בן ישראל, וואָס איז געווען רב, בעל דרשן, אַ מחבר און עסקן, אַ פריינד פון רעמבראַנדטן וועלכער האָט אויך געמאָלן זיין פּאָרטרעט. ר׳ מנשה בן ישראל האָט דאָ אין יאָר טויזנט זעקס הונדערט זעקס און צוואַנציק געגרינדעט די ערשטע יידישע דרוקעריי אין האָלאַנד, און פון דאָ אויס פאַרשפּרייט יידישע ספרים איבער דער גאָרער וועלט. דאָ אין אַמסטערדאַם איז אין יאָר טויזנט זעקס הונדערט זעקס און אַכציק אויך דערשינען די ערשטע יידישע צייטונג „פריטאַגישי און דינשטאָגישי קוראַנטן“. קיין אַמסטערדאַם פלעגט מען קומען זיך מגייר זיין — און צוליב דעם זעלבן צוועק זאָל לויט דער לעגענדע, האָבן אויך געקומען אַהער דער פוילישער גראַף פּאָטאָצקי, דער באַרימטער גר צדיק. אין אַכטצנטן יאָרהונדערט און אין ערשטען פערטל פון ניינצנטן יאָרהונדערט איז אַמסטערדאַם געווען די גרעסטע יידישע קהילה אין אייראָפּע.

שפּאַן איך איצט איבער די פלעצער און גאַסן, קוק אומעטום מיט נייגיריקע אויגן. ווו איך זע עפּעס אַ געביידע, וואָס דערציילט פון אַ לאַנגער עקזיסטענץ, טראַכט איך, אַז דאָס איז אַן עדות פון געוועזענעם יידישן לעבן דאָ, ווען די יידישע קהילה אין אַמסטערדאַם האָט געבליט, ווען זי האָט דורכגעלעבט אירע רומפולע טעג און אויך טעג פון צער, צער פון יידישן גורל אין דער וועלט און

מנשה בן ישראל
(נאָך דער צייכענונג פון שלום איטאַליאַ)

צער פון אירע אייגענע קינדער, קעגן וועלכע זי איז געווען געצווּונגען אָנצוּווענדן מלקות און חרם.

די שטאָט אַמסטערדאַם מאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. ווי מען שטייט און גייט איז מען כסדר אַרומגערינגלט מיט וואַסער, קאַנאַלן און בריקן. די גאַנצע שטאָט שטייט אין וואַסער און אויפן וואַסער. די גרעסטע צאָל הייזער האָבן אַלס פונדאַמענטן שטיינערנע פּלעקער, וואָס זענען אַריינגעשלאָגן זייער טיף ביז זיי געפינען אונטער זיך זיכערן באָדן. די גרעסטע הוצאות ביים בויען דאָ הייזער פאַרשלונגט דער פונדאַמענט. דאָס הויז, אין וועלכן עס געפינט זיך די שפּייז-בערזע, שטייט אויף פינף טויזנט פּלעקער. דער קיניגלעכער פּאַלאַץ האָט אונטער זיך דרייצן טויזנט זעקס הונדערט ניין און פופציק סלופּעס — אגב, אין דעם טראָן-זאַל און אין אַנדערע זאַלן פון פּאַלאַץ געפינען זיך מערערע בילדער אויף יידישע סוזשעטן, געמאָלט פון באַרימטע האָלענדישע מאָלערס. די וואַסער-שטאָט ווענעדיק איז באַרימט אין דער וועלט — אַמסטערדאַם רופט מען דאָס נאָרדישע ווענעדיק... אַ פריש אָנגעקומענער פילט זיך דאָ אינגאַנצן פאַרלוירן צוליב די מאַסן קאַנאַלן און בריקן. עס דוכט זיך, אַז ווי מען גייט געפינט מען זיך אויפן זעלביקן אָרט. עס איז וויכטיק צו דערציילן, אַז וועגן דער מאַסע קאַנאַלן און וואַסערן, שטעלט מיט זיך אַמסטערדאַם פאָר אַ שטאָט פון ניינציק אינדזלען, וועלכע זענען פאַראייניקט צווישן זיך מיט גאַנצע פיר הונדערט בריקן.

איך שפּאַן איבער די גאַסן פון אַמסטערדאַם און קוק מיך איין אין די דורכגייערס. איך וויל זען, באַגעגענען יידן — אָבער צו מיין גרויסער פּיין באַגעגן איך נישט קיין איין ייד. ווי זענען די יידן פון דער שטאָט, פון יידישן אַמסטערדאַם וואָס האָט אַמאָל געשמט אין דער וועלט? ווי זענען זיי? נישטאָ, נישט צו טרעפן. אין אַמסטערדאַם זענען פאַראַן יידן, זיי האָבן דאָ זייערע שולן, פאַריינען. אָבער אויף דער גאַס זעט מען זיי שוין מער נישט אָן.

אין זעכצנטן יאָרהונדערט, אין רעזולטאַט פון דער רעפאָרם-באַוועגונג, פון דער שפּאַלטונג אין דער קירכע און מלחמה מיט די שפּאַניער, פון וועמענס יאָך זיי האָבן געזוכט זיך צו באַפרייען, איז האָלאַנד געוואָרן דאָס איינציקע לאַנד אויף דעם אייראָפּעאישן

קאָנטינענט, ווו עס האָט געהערשט רעליגיעזע טאָלעראַנץ און די ייִדן האָבן נישט געהאַט שטאַרק וואָס מורא צו האָבן פאַר זייער ייִדישקייט. אין זיבצנטן יאָרהונדערט וווינען שוין אין אַמסטערדאַם פיר הונדערט ייִדישע פאַמיליעס, וועלכע באַזיצן דאָ דריי הונדערט אייגענע הייזער און שפּילן שוין אַ וויכטיקע עקאָנאָמישע ראָלע. זיי האָבן שוין דאַן געהאַט אויסגעבאָרגט געלט צו ווענעדיק און געווען באַזיצערס פון אַ גרויסן טייל אַקציעס פון דער „אָסט־ און וועסט־אינדישער קאָמפּאַניע". אַן אַלטער בעדעקער פון יאָר טויזנט אַכט הונדערט פיר און נײַנציק גיט אָן די צאָל ייִדן דאַן אין אַמסטערדאַם אַלס זעקס און דרײַסיק טויזנט. די דובנאָוו־ענציקלאָפּעדיע גיט אָן די צאָל ייִדן פון דער שטאָט אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט נײַן און נײַנציק אַלס זעכציק טויזנט. אין יאָר טויזנט נײַן הונדערט נײַן און דרײַסיק איז די צאָל ייִדן אין האָלאַנד געשאַצט געוואָרן אַן ערך פון הונדערט פינף און צוואַנציק טויזנט, פון זיי זאָלן בלויז אין אַמסטערדאַם האָבן געוווינט פינף און זיבציק טויזנט — און היינט נאָך אונדזער גרויסער קאַטאַסטראָפע — זאָל דער ייִדישער ישוב אין גאַנצן לאַנד ציילן פינף און צוואַנציק, ביז דרײַסיק טויזנט נפשות — שוין צוזאַמען מיט די געמישטע משפּחות.

יאָ, די נאַציס האָבן אויך דאָ אָפּגעטאָן זייער מערדערלעכע אַרבעט, נישט ווייניקער ווי אין די אַנדערע אייראָפּעאישע ישובים. מען קאָן זאָגן, אַז פון די מערב־אייראָפּעאישע לענדער האָט דאָס האָלענדישע ייִדנטום צום מייסטן געליטן: אַכציק פּראָצענט פון ישוב זענען אומגעקומען.

ווי איך האָב שוין דערציילט, האָב איך אויף די אַמסטערדאַמער גאַסן נישט באַמערקט קיין סימן פון ייִדיש לעבן. ערשט ווייט, ווייט פון וואָקזאַל האָב איך באַמערקט אַ ייִדיש וואָרשט־געשעפט און ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוווסט, איז דאָס געשעפט, טאַקע אין טאָג פון מײַן קומען, געעפנט געוואָרן.

דאָס באַמערקן אַ ייִדיש געשעפט איז געווען אַ סימן, אַז איך דערנעענטער זיך צום ייִדישן קוואַרטאַל.

ייִדישער קוואַרטאַל אין אַמסטערדאַם!

דאָס געהערט שוין היינט צו דער פאַרגאַנגענהייט. אַזאַ זאַך

האָט פריער עקזיסטירט. אָבער דער קוואַרטאַל איז פון די דייטשן חרוב געוואָרן, צוזאַמען מיט די יידן.

ווען מיר קומען אַריין אין יידישן קוואַרטאַל, וווּ יידן האָבן פריער געוווינט אין קאָמפּאַקטע מאַסן, ווערן מיר אויפמערקזאַם אויף דעם פעלן פון פיל הייזער. דאָס וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין דורך דעם, וואָס אין מיטן פון אַ סך הייזער-גרופּעס פעלט אַן איינצעלנע געביידע, וועלכע איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון צווישן די איבעריקע. דאָס איז איינס פון די טראַגישסטע בלעטלעך פון דער נישט ווייטער יידישער פאַרגאַנגענהייט: ווען די נאַציס האָבן דאָ אָנגעהויבן דעפּאָרטירן יידן זענען מאַסן יידישע הייזער געבליבן ליידיק; קריסטלעכע שכנים האָבן זיך גלייך געלאָזט אַריין אין די הייזער, אויפגעריסן די פּאָדלאָגעס, צעהאַקט די מויערן, גלויבנדיק דאָרט צו געפינען באַהאַלטענע יידישע פאַרמעגנס. און פון די דאָזיקע זוכערייען זענען די הייזער שווער צעשעדיקט געוואָרן. מיטן דויער פון דער קריג האָט האָלאַנד אַדורכגעמאַכט אַ געוואַלטיקן הונגער און אויסערגעוועגלעך געליטן פון מאַנגל אין הייץ-מאַטעריאַלן און די נישט באַוווינטע יידישע הייזער זענען באַפאַלן געוואָרן פון די אַרומיקע איינוווינערס, וועלכע האָבן אויסגעבראָכן יעדעס שטיקל האָלץ, וואָס האָט זיך געפינען אין די מויערן, אַפילו די שטיגן זענען צעשלעפּט געוואָרן, כדי צו קאָנען זיך אַ ביסל דערוואַרעמען. די צעשטערטע יידישע הייזער האָבן זיך אָנגעהויבן איינצוברעכן, זיי זענען געוואָרן אַ געפאַר פאַר די פאַרבייגייענדיקע מענטשן, און באַלד נאָך דער באַפרייאונג, האָט מען זיי געמוזט אינגאַנצן אַוועקרוימען. אַזוי זענען צוזאַמען מיט די אומגעבראַכטע יידן אויך פאַרשוווּנדן אַ סך הייזער, וועלכע זענען דורך די קרבנות געווען באַוווינט.

אַזוי איז אויך חרוב געוואָרן די אַלטע אַשכנזישע שול. איצט שטייט זי צעבראָכן און פאַרניכטעט ווי דאָס יידישע לעבן אין אַמסטערדאַם. די מויערן זענען צעהאַקט, די פענצטערס צעבראָכן, אַרום דער שול אַ באַרג מיט מיסט.* דאַקעגן איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן

* ווי כ׳האָב געלייענט, זאָלן די אַמסטערדאַמער שילער פון „אָרט״, זיך פאַרנעמען מיטן רעסטאַרירן די שול.

די אַלטע פּאָרטוגעזישע סינאַגאָגע, וואָס איז נאָך אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר טויזנט זעקס הונדערט זעקס און זיבציק, אויף דעם זעלבן אָרט, ווו עס האָט זיך געפינען די פריערדיקע שול אין וועלכער ברוך שפּינאָזאַ איז אין דעם יאָר טויזנט זעקס הונדערט זעקס און פופציק אַריינגעלייגט געוואָרן אין גרויסן חרם. די פּאָרטוגעזישע סינאַגאָגע איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אַדאַנק אַ געזעץ, וואָס איז דערשינען שוין בעת דער מלחמה, וואָס האָט די געביידע דערקלערט פאַר אַ היסטאָרישן דענקמאָל. די סינאַגאָגע איז הויך, גרויס — אָבער מיט זייער ווייניק מתפּללים. איר גרויסע ביבליאָטעק, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַ סך אוצרות, איז אויך אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. בעת מיין זיין אין אַמסטערדאַם איז גראָד פאָרגעקומען אַ גרויסע אויסשטעלונג פון די אָנגעזאַמלטע דאָקומענטן. די אויסשטעלונג איז פאָרגעקומען אין שייכות מיט דער צוויי הונדערט פינף און זיבציק יאָריקער עקסיסטענץ פון דער ספרדישער קהילה אין אַמסטערדאַם. צווישן די אויסגעשטעלטע דאָקומענטן, וואָס האָבן געצויגן צו זיך די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט איז געווען דער פּנקס פון דער אַמסטערדאַמער קהילה, וועלכער איז געווען אויפגעעפנט אויף דער זייט — ווו עס געפינט זיך דער חרם=אַקט אויף ברוך שפּינאָזאַ.

אין יידישן קוואַרטאַל געפינט זיך אויך די גרויסע געביידע פון די אַמסטערדאַמער דיאַמאַנטן=הענדלערס. אינעם דיאַמאַנטן=מסחר האָבן יידן געשפּילט אַ געוואַלטיקע ראָלע. אין פופצנטן יאָרהונדערט האָט אייראָפּע נאָך נישט געוווּסט פון קיין געשליפענע דיאַמאַנטן און דאָס שלייפן די שטיינער, איז געווען אַ סוד, וואָס איז געלעגן אויסשליסלעך אין די הענט פון אַנטווערפּענער און אַמסטערדאַמער יידן. כאָטש אין דער דיאַמאַנטן=בראַנזשע האָבן גענומען אַריינדרינגען אויך אַנדערע פעלקער, האָבן יידן אָבער געשפּילט אין איר די דאָמינירנדיקע ראָלע — און צוליב דעם אויך, פלעגט די אַמסטערדאַמער דיאַמאַנטן=בערזע ביז צו דער צווייטער וועלט=מלחמה זיין אין שבת געשלאָסן. היינט זענען די יידישע דיאַמאַנטן=הענדלערס דאָ יחידים און די דיאַמאַנטן=בערזע איז טעטיק אויך שבת. עס איז שוין נישט מער קיין יידישער ענין.

אויף דער זעלביקער גאַס פון דער דיאַמאַנטן⸗בערזע, זעען מיר אויך אַ גרויסע פּרעכטיקע גלאָז⸗געביידע. דאָס איז דאָס געוועזענע יידישע מושב⸗זקנים, אויפגעבויט פאַר דער מלחמה אויף דעם סאַמע מאָדערנסטן אופן. כדי אויפצובויען דאָס מושב זקנים איז אין יידישן האָלאַנד אָנגעגאַנגען אַ גרויסע זאַמל⸗אַקציע, וואָס האָט דערלויבט צו פאַרענדיקן דעם בנין און צו באַזעצן דאָרט די אַלטע לייט. די מלחמה האָט אַלץ פאַרניכטעט. די זקנים זענען אומגעבראַכט געוואָרן. די געביידע איז געבליבן כמעט ליידיק און נאָך דער באַפרייאונג האָט די יידישע קהילה זי פאַרקויפט צו דער שטאָט, וואָס האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל.

אָבער אַ חוץ דאָס פאַרשווינדן פון יידישן לעבן, יידישע פּאָזיציעס און יידישע הייזער, איז אין אַמסטערדאַם געשען אַזעלכעס, וואָס איז נישט פאָרגעקומען אין קיין שום לאַנד, ווו היטלער האָט געווילדעוועט איבער יידיש לעבן. אין דער שטאָט, צווישן דער דיאַמאַנטן⸗בערזע און דעם געוועזענעם מושב⸗זקנים, טאַקע אויף דער זעלביקער גאַס, איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך יידן אַ דענקמאָל, וואָס דרוקט אויס אַ דאַנק דער האָלענדישער באַפעלקערונג פאַר דער הילף, וואָס זי האָט געגעבן די יידן, בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע; דער פאָרשלאַג צו שטעלן דעם דענקמאָל איז געקומען נישט פון דער קהילה — נאָר פון אַ פּריוואַטער איניציאַטיוו און ארויסגערופן אַ גרויסע מיינונגס⸗פאַרשידנקייט צווישן דער קליינער צאָל אָפּגעראַטעוועטע יידן אין האָלאַנד.

עס איז אַ פאַקט, אַז די מערהייט האָלענדער האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס סימפּאַטיע צו דער יידישער באַפעלקערונג און בעת די נאַצי⸗טעג, פיל געהאָלפן יידן. עס איז אויך באַוווּסט, אַז אַמסטערדאַם איז געווען די איינציקע שטאָט, ווו די באַפעלקערונג איז עפנטלעך אַרויסגעטרעטן מיט דעמאָנסטראַציעס קעגן די נאַצישע יידן⸗פאַרפאָלגונגען. פונדעסטוועגן האָט אַ גרויסער טייל יידן געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט שטעלן קיין שום דאַנקבאַרקייטס⸗דענקמאָל, אַז העלפן ליידנדיקע איז אַ חוב פון מענטש לגבי מענטש און, אַז אַזאַ זאַך וואָלט נאָך געהאַט אַ זינען — ווען די האָלענדישע יידן וואָלטן כאָטש אין זייער גרויסער מערהייט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, קוים אָבער זענען פיר פינפטל און מער, פון די האָלענדישע



דער יידישער דאַנקבאַרקייט=מאָנומענט פאַר
די גוטע האָלענדער, אין אַמסטערדאַם. (צייכענונג פון בעז)

יידן אומגעקומען, טאָר אַזאַ טראַגעדיע זיך נישט ענדיקן מיטן אויפשטעלן אַ דאַנקבאַרקייטס=דענקמאָל.

דער דענקמאָל איז סוף כל סוף אויפגעשטעלט געוואָרן; ווי מען האָט מיר דערציילט איז די קהילה נישט געווען פאַרטרעטן ביי דער צערעמאָניע פון אָפּדעקן דעם דענקמאָל, דער פאַקט איז נישט אַדורך אומבאַמערקט, די האָלענדישע פּרעסע, האָט וועגן דעם געשריבן.

אַ געוואַלטיק דערפרייענדיקע זאַך איז די עקזיסטענץ דאָ אין אַמסטערדאַם פון דער גרויסער יודאַאיקאַ=ביבליאָטעק, די באַקאַנטע „ראָזענטאַליאַנאַ“, וועלכע געהערט צום אוניווערסיטעט. דאָס איז אַ ביכער=זאַמלונג פון מערערע צענדליגג טויזנטער ווערק, כתב ידן און אוניקומס פון אַ קאָלאָסאַלן ווערט. דער זאַמלער פון דעם ביכער=אוצר איז געווען אַ פּוילישער ייד, ראָזענטאַל פון נאַשעלסק, וועלכער האָט אין אָנהויב פון נײַנצנטן יאָרהונדערט זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד — וו ער איז זייער רייך געוואָרן און באַקומען דעם טיטול באַראָן. זיינער אַ זון, דער יורש פון פאַרמעגן האָט נישט געהאַט דעם זעלביקן אינטערעס צו יידישקייט ווי דער פאָטער זיינער און ער האָט געזוכט אַ בעלן אויף דער ביכער=זאַמלונג. דער בערלינער אוניווערסיטעט ווען מען האָט פאָרגעלייגט איבערצונעמען דעם ביכער=אוצר, האָט זיך דערפון צוליב יידן=פיינטלעכע טעמים, אָפּגעזאָגט. דאַן איז דער ביכער=אוצר געבראַכט געוואָרן קיין אַמסטערדאַם, וו ער בילדעט היינט די יודאַאיקאַ=אָפּטיילונג פון דער הויךשולע.

די שטאָט אַמסטערדאַם פאַרמאָגט אויך באַרימטע מוזייען, וואָס מיט זייערע קונסט=זאַמלונגען, ספּעציעל פון דער האָלענדישער מאָלעריי, געהערן זיי צו די סאַמע באַרימטסטע אין דער וועלט. אייניקע פון די מוזייען האָב איך באַזוכט, כדי צו זעען די שעדעוורן, וועלכע זיי פאַרמאָגן אין זיך. איך בין געווען זייער אָנגענעם געטראָפן פון דער באַלויכטונג, וואָס הערשט אין זיי. נישט פאַראַן קיין בילד, וואָס זאָל הענגען אין דער טונקל ווי מיר זעען עס אין פּאַריזער לוווּר. יעדעם בילד האָט זיין געהעריקע ליכט, אַזוי אַז דאָס אויסגעשטעלטע קונסט=ווערק שפּילט אַרוים מיט אַלע זיינע מעלות... עס איז דעריבער נישט איבערצוגעבן דעם רושם, וואָס עס מאַכט אויף די באַזו=

כערם דאָס באַרימטע רעמבראַנדט=בילד „די נאַכט=וואַך“. זעלטן, אַז אַ ווערק פון אַ קינסטלער זאָל אַזוי פאַרכאַפּן דעם צוקוקער. זיצן טאַקע די באַזוכערם אויף דער לאַנגער באַנק, וואָס שטייט קעגן איבער דעם ווערק און באַטראַכטן, ממש אָן אַן אָטעם, די איבעראַשנדיקע מיסטעריע, וואָס טראָגט זיך פון דעם בילד.

טראָץ דעם רושם, וואָס „די נאַכט=וואַך“ מאַכט אויף די באַזוכערם און וועלכן איך האָב אָפּגעפילט אויף מיר גופא, קאָן איך מיך אָבער נישט באַרואיקן פון דעם איינדרוק פון רעמבראַנדטס באַרימט ווערק „די יידישע כלה“, וואָס הענגט דאָ אין אַ זאַל דערנעבן. דאָס דאָזיקע בילד האָב איך ווי פיל אַנדערע ווערק רעמבראַנדטס געקאָנט שוין פון גאַנץ לאַנג, געקאָנט פאַרשטייט זיך פון רעפּראָדוקציעס, אָבער דאָ האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אָנצוקוקן דעם אָריגינאַל, וועלכער איז אַזוי פּרעכטיק, אַזוי יידיש שיין, אַזאַ יידישער ערנסט און יידישע זאָרג רעדן פון דעם ווערק אַרוים מיט אַזאַ נישט ערדישן רעאַליזם, אַז דער, וועלכער קוקט אויף דעם בילד — און ספּעציעל דער יידישער באַזוכער מיט אַ צוגרייטונג צו אַזאַ זאַך, קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון דעם כישוף, וואָס רעדט צו אונדז אַראָפּ פון דעם מייסטער=ווערק.

„די יידישע כלה“ פון רעמבראַנדטן ווערט אויך גערופן „רות און בועז“. דאָס ווערק זאָל אין דער ווירקלעכקייט זיין דאָס בילד פון יידישן דיכטער דע באַריאַס און זיין פרוי דע פינאַ. דער קינסטלער האָט געמאָלן פיל יידישע געשטאַלטן. אָבער „די יידישע כלה“ געהערט בכלל צו די סאַמע באַדייטנדיקסטע ווערק, וועלכע רעמבראַנדט האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

אַזוי האָב איך אויך באַזוכט דעם שטאָטישן מוזיי, ווו עס געפינט זיך אַ זייער רייכע זאַמלונג פון דער מאָדערנער מאָלעריי. צווישן איר געפינען זיך די ווערק פון יידישן מאָלער פּאַסקין, וואָס איז מיט אַן ערך פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, באַגאַנגען אין פּאַריז זעלבסטמאָרד, ווי אויך די ווערק פון חיים סוטין. אין אַ גאַנץ באַזונדערן זאַל זענען פאַראַן צוועלף בילדער פון מאַרק שאַגאַל.

צווישן די זייער אינטערעסאַנטע מאָנומענטן פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט אין אַמסטערדאַם, געהערט אָן ספק דאָס אַלטע יידישע פּאָרטוגעזישע בית עולם אין אודערקערק, וואָס געפינט זיך

אַז ערד פּופּצן קילאָמעטער פון דער שטאָט און וואָס איז געגרינדעט
געוואָרן אין יאָר טויזנט זעקס הונדערט פּערצן. עס איז פאַראַן
אַן אַלטע צייכענונג פון גרעסטן האָלענדישן פּייזאַזשיסט ריזדאַאַל
פון זיבצנטן יאָרהונדערט פון אַמסטערדאַמער יידישן בית עולם און
איך בין אין דער מיינונג, אַז די צייכענונג איז טאַקע פון אודער=
קערק, וואָס דינט נאָך אַלס בית עולם ביז היינט צו טאָג. מיר זעען
דאָרט אַלטע קברים, וואָס פאַרמאָגן זעלטן אינטערעסאַנטע שניצע=
רייען און שטעלן מיט זיך פאָר געוואַלטיקע זעאונגסווערטע זאַכן.
דאָרט זאָל זיך אויך געפינען דאָס קבר פון ברוך שפּינאָזאַס עלטערן.
אַהינגעפירט אויף דעם בית עולם האָט מיך אין זיין אויטאָ דער לאַנג=
יאָריקער אַמסטערדאַמער תושב, דער פריינד דוד לעווענהאָף. ליי=
דער האָט זיך געמאַכט אַ שטאַרקער רעגן, וועלכער האָט נישט גע=
וואָלט אויפהערן און געשטערט די מעגלעכקייט צו באַקומען דאָס בית
עולם. ווי מיך האָט שפּעטער אינפאָרמירט פריינד ל. פוקס אַ ייוואָ=
טוער און ביבליאָטעקאַר פון דער „ראָזענטאַליאַנאַ“=ביבליאָטעק,
האָט אַ האָלענדישער ייד, דע קאַסטראָ, אויסגעפאָרשט און פאַר=
עפנטלעכט אַ בוך וועגן דעם בית עולם.

דאָ פאַרדינט אומבאַדינגט דערמאָנט צו ווערן דער ליבער
מרדכי עדעלשטיין. וועגן אים איז שוין פיל געשריבן געוואָרן אין
דער יידישער פּרעסע פון דער גאָרער וועלט. ווער פון די יידישע
געסט, וואָס קומט אין באַרירונג מיט אים און זיין ליבער פרוי פאַני,
מוז זיי דערנאָך באַשרייבן... מרדכי עדעלשטיינס צוגעבונ=
דענקייט צום יידישן לעבן, זיין איבערגעגעבנקייט צום יידישן כלל
און זיין פּשוט אָפּפערן זיך, אַז אַ יידיש לעבן זאָל אָנגיין און בליען
איז טיף רירנדיק און נישט צום פאַרגעסן.

חרוב און צעבראָכן האָבן די אָפּגעראַטעוועטע אַמסטערדאַמער
יידן נאָך דער באַפרייאונג, אויף דאָס ניי אָנגעהויבן צונויפזאַמלען
זייערע כוחות און אָרגאַניזירן דאָס יידישע לעבן. היינט צו טאָג זע=
נען אין דער שטאָט פאַראַן זעקס שולן און פאַרשידענע חברות. באַ=
זונדערס דאַרף מען דערמאָנען דעם „ש. אַנ=סקי=פאַראיין“, וואָס האָט
שוין מיט לאַנגע יאָרן פאַר דער נאַצישער מלחמה גרופּירט אַרום
זיך די איינגעוואַנדערטע יידן און אָנגעפירט אַ יידישע קולטור=טע=
טיקייט. דער גרעסטער טייל פון די מיטגלידער פון „ש. אַנ=סקי=

פאַראיין“ זענען אומגעקומען. די אָפּגעראַטעוועטע אַקטיווע טוערס האָבן ווידער אָנגעפאַנגען זייער אַקטיוויטעט, איינגעאָרדנט אַן אינטימען לאָקאַל, געגרינדעט אויף דאָס ניי אַ יידישע ביבליאָטעק, נעמען אויף יידישע שרייבערס, קינסטלערס און געזעלשאַפטלעכע טוערס, וואָס קומען פון צייט צו צייט קיין אַמסטערדאַם.

מיין זיין אין אַמסטערדאַם איז זיך צונויפגעפאַלן מיטן חודש פון האָלענדישן פעסטיוואַל פאַרן יאָר טויזנט ניין הונדערט און פופציק, צו וועלכן עס זענען פאַרבעטן געוואָרן פיל אַרטיסטישע כוחות פון גאָר דער וועלט און זענען אויפגעטרעטן אין פיל שטעט. צוליב די פעסטיוואַל-פייערונגען איז אַמסטערדאַם געווען גאַנץ ספּעציעל דעקאָרירט. אין דער שטאָט זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דעקאָראַטיווע ווינט-מילן, וועלכע זענען אין אָוונט שטאַרק באַלויכט געוואָרן. אַזוי זענען אויך געווען דעקאָרירט און אילומינירט גאַנצע שטאָט-קוואַרטאַלן און אַלץ האָט אויסגעזען אין יום-טובדיקן פיבער... אין שייכות מיטן פעסטיוואַל זענען אויך צוגעגרייט און געעפנט געוואָרן אַ גאַנצע רייע אויסשטעלונגען, צווישן וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו זען אַן אויסשטעלונג פון די האָלענדישע מאָלערס, אַהערגעברענגט פון די דייטשע מוזייען, האָב איך אַזוי אַרום, געקאָנט באַוווּנדערן רעמבראַנדטס בילד דעם „מאַן אין גאָלד-העלם“. אַזוי איז דאָ אויך פאָרגעקומען אַן אויסשטעלונג פון אַלט-זילבער, אויף וועלכער מען האָט צווישן אנדערע עקספּאָנאַטן אויך געזען יידישע לייכטערס, טאַצן, קרוינען פון ספר-תורות, יד'ן און אנדערע קעגנשטאַנדן פון זיבצנטן און אַכטצנטן יאָרהונדערט.

פון די גרויסע פעסטיוואַל-פייערונגען איז מיר אויסגעקומען צו זען דעם באַרימטן באַלעט פון מאָנטע קאַרלאָ, וועלכער רופט זיך היינט „באַלעט פון מאַרקיז קיעוואַ“. די טרופּע פון באַלעט, וואָס באַשטייט דער עיקר פון רוסישע כוחות, געהערט צו די סאַמע באַדייטנדיקסטע אַנסאַמבלען, וועלכע מיר קענען היינט צו טאָג. צווישן די אויפפירונגען האָט ער אויך געגעבן צום ערשטן מאָל „די טראַגעדיע פון וועראָנע“ — ראָמעאָ און יוליאַ — אין דער מוזיק פון טשאַיקאָווסקי, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן מיט אַן אויסערגעוועגלעכן שאַרם. דאַקעגן האָט די באַלעט-טרופּע אין אַנדערע טאַנץ-

נומערן אַרויסגעוויזן אַ געוויסע מידקייט, וואָס איז זיכער געווען אַ רעזולטאַטן פון זייער צו אָפטן אַרומפאָרן אין די האָלענדישע שטעט.

איך האָב אויך געהאַט אַ מעגלעכקייט בייצווווינען אַ פעסטיוואַל־קאָנצערט אויף וועלכן עס איז אויסגעפירט געוואָרן די מוזיק פון בראַמס, היידן און מאָצאַרט — און דאָ האָט מיך אָפגעוואַרט אַ סורפריז. דער קאָנצערט איז דיריגירט געוואָרן פון אַ יידישן מוזיקער פון ניו יאָרק, דעם וויאָלאָניסט שמעון גאָלדבערג, וועלכער האָט חוץ דעם דיריגירן אויך געשפילט סאָלאָ. און דער צווייטער סאָליסט פון דעם אָ קאָנצערט איז געווען דער האָלענדיש־יידישער מוזיקער פאָל גאָדווין (גוטוויין). איך האָב געהאַט אַ נחת רוח צו זען דעם גרויסן עולם זיך איינהערן אין דעם קאָנצערט, דיריגירט פון אַ ייד און אין וועלכן דער יידישער דיריגענט און פאָל גאָדווין זענען אויך געווען די סאָליסטן. שמעון גאָלדבערג איז פון וולאָצלאַוועק, געשטודירט אין בערלין און בעת דער מלחמה געווען אינטערנירט אין אַ לאַגער אין יאַפּאַן. ער איז אַ מוזיקער פון אַ פיינעם קלאַס, דיריגירט מיט האַרץ און שפילט מיט אַן אינטימער וואַרעמקייט, וואָס באַרואיקט. דער צווייטער — פאָל גאָדווין, וווינט שוין לאַנג אין האָלאַנד, ווו ער טרעט אויך אויף פון צייט צו צייט מיט יידישע מאָטיוון אין ראַדיאָ.

דאָס יידישע אַמסטערדאַם געהערט שוין היינט צו דער פאַרגאַנגענהייט. די יוגנט קען נישט אָפגעהאַלטן ווערן פון דער ווירקונג פון דער האָלענדישער גאַס און קולטור, זי ווערט אַסימילירט. און געמישטע חתונות זענען אַן אָפטע דערשיינונג. אויך פון דאַנען פאָרן אָפ יידן קיין ארץ־ישראל און די, וועלכע האָבן צוליב פאַרשידענע סיבות זיך נישט געקענט דעצידירן עולה צו זיין, לעבן מיט די זכרונות פון דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען אַרום זיי האָט פולסירט אַ שטאַרק יידיש לעבן...

עס איז מיר גאָרנישט געווען לייכט צו פאַרלאָזן אַמסטערדאַם.

אויף שריט און טריט האָב איך געפילט, אַז איך האָב דאָ נאָך אַזוי פיל צו זען און איינצוזאַפן אין זיך פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, וואָס רעדט צו אונדז פון אַלע זייטן מיט פיל דערהויבנקייט און מיט פיל יידישער טראַגיק... דער חורבן פון דער אַלטער אשכנזישער שול, די גרויסע אָפגעראַטעוועטע פאָרטוגעזישע סינאַ-

גאָנגע מיט אירע ווייניקע מתפללים. און דאָס נישט ווייטע אָרט פון דאַנען, *) ווו עס איז געבוירן געוואָרן ברוך שפּינאָזאַ... דאָ, אין אַמסטערדאַם, האָט ר' שמואל מאַרטיירראָ זיך געבעטן ביים פילאָזאָף נישט צו דערלאָזן דעם איבעררייס... דאָ ערגעץ האָט ר' מנשה בן ישראל **) געחלומט וועגן יידישער אויסשפּרייטונג איבער גאָר דער וועלט, ווי אַ מיטל צו ברענגען משיחן... דאָ ערגעץ האָבן מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק געאַרבעט יידישע דרוק־פּרעסן און אַרויסגעשיקט תורה און חכמה איבער דער גאַנצער וועלט...

די שטאָט פאַרמאָגט איצט אַ קליינעם יידישן ישוב, וואָס פירט מלחמה פאַרן יידישן קיום און זוכט מיט אַלע כוחות צו דערהאַלטן ווייטער זיין אייגנאַרט אין דעם אַ ל ט ן אַמשטלרדם.

---

* אויפן וואַטערלאָאָ־פּלאַץ.

** אויף דער יאָדנברעעסטראַאַט.

6

דער בייזער רבי

נאָך דער באַפרייאונג איז אין פּאַריז אין יאָר 1947, פאָרגעקומען אַ גרויסע בילדער=אויסשטעלונג פון מאַרק שאַגאַל, וואָס האָט צוגעצויגן אַ גאָר גרויסן עולם. די אויסשטעלונג, איינגעאָרדנט דורך דער פראַנצויזישער רעגירונג, איז געווען די סענסאַציע פון טאָג און איז באַזוכט געוואָרן פון הונדערטער קינסטלערס, וויסנשאַפטלערס, ליבהאָבערס פון קונסט און בכלל דורך דעם גרויסן אינטעליגענטן עולם, וואָס פּאַריז פאַרמאָגט.

דאָס זענען די גרויסע צאָל מערקווירדיקע ווערק פון קינסטלער האָט אויף דאָס ניי ארויסגערופן די אַלטע פראַגע, מכוח דעם, וואָס ער איז אויסן מיט זיינע מאָלערייען און סוזשעטן, וועלכע זענען סוף כל סוף נישט פאַרשטענדלעך פאַר דעם ברייטן עולם.

עס איז אַ פאַקט, אַז מאַרק שאַגאַל געהערט היינט צו טאָג צו די קינסטלערס, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַ גאָר גרויסן נאָמען. זיין רום איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע וועלט, ער האָט מיט זיינע ווערק געשאַפן אַ שולע און באַאיינפלוסט פיל מאָלערס — און כאָטש ער האָט פיל חסידים, איז אויך די צאָל קעגנערס פון זיין וועג אין דער מאָלעריי אַ גרויסע.

ווען מיר געפינען זיך פאַר די ווערק פון מאַרק שאַגאַל דאַרפן מיר נישט האָפן אויף צו באַקומען אַ באַפרידיקונג פאַר אונדזערע עסטעטישע פאַרלאַנגען, ווי מיר זוכן עס בכלל אין דער קונסט; מאַרק שאַגאַלס מאָלעריי איז דער עיקר אַן אידעאישער ענין. מיר זעען ביי אים ווערק, וואָס בלייבן פאַר אונדז אַ נישט געלעזטע רעטעניש... אַ קונסט=ווערק דאַרפן מיר מער ווי פאַרשטיין, מיר דאַרפן עס דערפילן און מיט שאַגאַלס ווערק איז דאָס נישט אַלעמאָל דער פאַל.

מיט די דאָזיקע שורות, בין איך אָבער נישט אויסן אויפצוהויבן אַ דיסקוסיע וועגן מאַרק שאַגאַלס שאַפן, וואָס איך בין יאָ אויסן, איז צו ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף איין באַשטימט ווערק זיינס, וואָס האָט זיך געפינען אויף דער אויסשטעלונג, אַ ווערק פון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס קען אונדז, אַלס יידן, נישט לאָזן גלייכגילטיק. דאָס איז געווען שאַגאַלס אַ גרויסע לייוונט, אויף וועלכן מיר האָבן געזען אַ זיצנדיקן ייד, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, און אונטער דעם בילד האָבן אַלע געלייענט אין פראַנצויזיש, די אויפשריפט, „דער רבי“.

ווי שוין געזאָגט, איז מאַרק שאַגאַל אַן אידעען-מאָלער און אין יעדן ווערק זיינס איז פאַראַן אַ באַשטימטע אידעאישע כוונה, וואָס פאַר אַ כוונה האָט ער געהאַט, שאַפנדיק און אויסשטעלנדיק דאָס בילד „דער רבי“ ?

אויב עס געפינען זיך מענטשן, וואָס פרעטענדירן צו פאַרשטיין אַלץ, וואָס מאַרק שאַגאַל מאָלט, געהער איך ליידער נישט צו זיי און בין מיך מודה, אַז דער גרעסטער טייל פון זיינע ווערק איז פאַר מיר אַ מיסטעריע, אַ סוד. אַזוי אויך וואָלט איך מיר געוואָלט איינרעדן, אַז פאַר מיר איז אַ סוד... די כוונה פון זיין בילד „דער רבי“.

וואָס זעען מיר אייגנטלעך אין דער קאָמפּאָזיציע ?

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דעם בילד איז גראָד דאָס, וואָס עס שיידט זיך אונטער פון אַלע אַנדערע ווערק זיינע דערמיט, וואָס דאָס בילד „דער רבי“ איז כמעט אַ רעאַליסטיש ווערק. נישטאָ אין דעם לייוונט, נישט קיין הענער, נישט קיין קאָזעס און אַנדערע באַשעפענישן ווי מיר זעען עס אין אַזוי פיל פון זיינע ווערק. עס איז פשוט, אַ זיצנדיקער ייד, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין.

וואָס עס איבעראַשט אין מאַרק שאַגאַלס „דער רבי“ איז אַ... האַרטקייט פון דעם יידנס פנים, וואָס גייט אַריבער אין בייזקייט. מיר האָבן פאַר זיך אַ ייד, וועלכער קוקט אונדז אָן מיט בייזע אויגן, מיט אַ בייז און שלעכט, זייער שלעכט פנים.

איז דאָס אַ פּאָרטרעט פון אַ רבין ?

איז דאָס געווען די כוונה פון מאַרק שאַגאַלן ביים שאַפן דאָס בילד? *

מעגלעך, אַז יאָ.

איך בין ווייט נישט קיין אָנהענגער פון רביים. און מאַרק שאַגאַלס איבערצייגונגען זענען מיר נישט באַקאַנט. עס איז מעגלעך, אַז ער איז אַ קעגנער פון כלי־קודש, און דאָס האָט אפשר גורם געווען דאָס שאַפן פון אַזאַ שרעקלעך בייזן און אַנטיפּאַטישן רבין, אַ ווערק וואָס ער האָט געמאָלן מיט פיל יאָרן צוריק (אין 1914), אָבער אין וואָס מיר גייט, איז די פראַגע, צי האָט דאָס דאָזיקע ווערק, אַליין איינס, וואָס פאַר אַ כוונות דער קינסטלער האָט געהאַט ביים שאַפן עס געדאַרפן אויסגעשטעלט ווערן פאַר אַ פּובליקום, וואָס פינף און נײַנציק פּראָצענט און אפשר מער איז באַשטאַנען פון נישט יידן?

וואָרם, איין זאַך איז די כוונה פון קינסטלער — און אַ צווייטע זאַך — איז דער איינדרוק, וואָס דאָס פּובליקום באַקומט פון זעען דאָס ווערק.

אין אַ צייט ווען עס גייט אָן אַזאַ ביטערער אַנטיסעמיטיזם, ווען די וועלט איז נאָך ווייט, ווייט נישט אויסגעהיילט פון דעם נאַציזם, (און וועט זי זיך אַמאָל אויסהיילן?) ווען וועגן יידן זענען און ווערן פאַרשפּרייט די ווילדסטע מעשיות, וואָס מען האַלט אין איין אונטערטראָגן דער נישט יידישער וועלט, מעשיות וואָס זאָלן זיך כלומרשט געפינען אין תלמוד און אין אַנדערע יידישע ספרים, ווען אַזוי פיל נישט יידן גלויבן נאָך, היינט צוטאָג, אַז מיר באַנוצן קריסטלעך בלוט צו מצות — אין אַזאַ צייט, מוזן אַ סך נישט יידן, זעענדיק אַזאַ נישט מענטשלעך בייזן רבין, געמאָלט דורך אַ ייד גופא, טראַכטן, אפילו קעגן זייער ווילן וועגן אַ רבין ווי וועגן עפּעס אַ גרוים שלעכטס...

---

* עס דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אין אַן אַלבאָם פון שאַגאַלס ווערק, אַרויסגעגעבן דורכן פראַנצויזישן פאַרלאַג „פערנאַנד נאַטאַן", ווו מיר זעען אויך דעם ייד אין טלית און תפילין, הייסט דאָס בילד „דער ייד וואָס דאַוונט" — און נישט „דער רבי" ווי עס איז געווען די אונטערשריפט אויף דער גרויסער אויסשטעלונג אין 1947, און וואָס איז אָן ספק געטאָן געוואָרן לויט דעם ווילן פון מאַרק שאַגאַל.

(„דער רבי“ פון מאַרק שאַגאַל)



(אַ רבי, פון רעמבראַנדט)

נאָר די כוונה אויסצוהוזקן פון כלי קודש האָט געקאָנט אַרויסרופן די אַנטשטייאונג פון אַזאַ ווערק, וואָרם אין דער רעאַליטעט קענען מיר פנימער פון רביים, וואָס דערציילן אונדז וועגן אַזוי פיל פיינפילנדיקייט, האַרציקייט און מענטשלעכקייט. דאָס מוז מען מודה זיין אפילו, ווען מען איז אַ קעגנער פון קלער. *)

האָט אַזאַ בילד געמעגט אויסגעשטעלט ווערן פאַר אַ נישט יידיש פובליקום ?

ניין. טויזנט מאָל ניין !

קורץ פאַר דער אויסשטעלונג, איז אין יידישן ניו יאָרק אויפגעהויבן געוואָרן די אַלטע פראַגע וועגן „שיילאָק“ — צו איז שעקספיר געווען אַ יידן־פיינט צו ניין ? אַ ריי יידישע שרייבערס האָבן געהאַלטן, אַז די פראַגע איז פאַלטש געשטעלט געוואָרן, אַז פאַר אונדז איז נישט אַזוי וויכטיק היסטאָריש אויפצוקלערן שעקספירס געפילן, וויכטיק פאַר יידן איז פעסטצושטעלן, אַז דאָס ווערק „שיילאָק“ האָט אונדז יידן געטאָן אַן עוולה, ווייל די ברייטע מאַסע רעזאָנירט אַנדערש, אַז מער פון אַלעם ווערט זי באַאיינפלוסט פון פאַקט, וועגן אַ ייד, וועלכער מאָנט צוליב זיין געלט, אַ שטיק פלייש פון אַ לעבעדיקן מענטש . . .

איין זאַך איז, וואָס מאַרק שאַגאַל האָט געוואָלט מיט דעם בילד „דער רבי“ — און עפּעס אַנדערש איז דער באַקומענער איינדרוק.

מאַרק שאַגאַל איז ווי מיר ווייסן אַ טייערער, איבערגעגעבענער זון פון אונדזער פאָלק. דאָס ענדערט אָבער נישט די זאַך, אַז דאָס אויסשטעלן פון בילד „דער רבי“, איז לויט מיין טיפער איבערצייגונג, געווען אַ גרויסער און שווערער פעלער.

אַמאָל האָבן מיר זיך געקענט פאַרגינען אַ סך זאַכן — ריכטיקער, מיר האָבן געמיינט, אַז מיר קענען זיך עס פאַרגינען. נאָר ווי מיר האָבן עס געזעען נאָך דעם גרויסן מבול פון פאַרגאָסענעם יידישן בלוט, האָבן מיר עס נישט געטאָרט טאָן פריער און טאָרן עס אויף קיין פאַל נישט טאָן איצט.

---

* ס׳איז גענוג זיך צו דערמאָנען די ווונדערבאַרע האַרציקייט וואָס שיינט אַרויס פון די יידישע פנימער און רבנים, געמאָלט דורכן גוי, רעמבראַנדט.

פון אונדזער ירושה

7

י. ל. פּרץ

וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון יאָר 1915, ווען עס האָט זיך פאַרלאָשן דאָס לעבן פון אונדזער גרויסן י. ל. פּרץ, אַלץ קלאָרער, אַלץ שטאַרקער פילן מיר אָפּ די באַדייטונג פון זיין לעבן און שאַפן ווי אַ דיכטער און פירנדיקע פּערזענלעכקייט.

מיר האָבן איבערגעלעבט די גרעסטע קאַטאַסטראָפע פון אונדזער געשיכטע. מיר האָבן דערלעבט דאָס גרויסע, קאָלאָסאַלע געשעעניש, וואָס מיר רופן אָן דער „נס פון ישראל“, דאָס גאַנצע יידישע לעבן געפינט זיך איצט „אויף רושטאָוואַניעס“, צווישן פרייד פון ווידער־אויפלעבונג און טרויער נאָך אַזוי פיל מיליאָנען אומגעקומענע, דערונטער דאָס וואונדערלעכע פּוילישע יידנטום, צווישן וועלכע י. ל. פּרץ האָט געלעבט און געשאַפן ווי אַ דיכטער, ווי אַ נביא.

צוויי סאָרטן שרייבערס זענען פאַראַן:

אַזעלכע, וואָס שרייבן לשם שרייבן, און אַזעלכע, וואָס האָבן וואָס צו זאָגן, וואָס צו לערנען דאָס פאָלק; צו די לעצטע האָט געהערט י. ל. פּרץ.

נישט כדי אונדז צו פאַרוויילן, אונדז צו דערציילן פריילעכע צי גאָר טרויעריקע מעשיות, האָט פּרץ געשריבן; זיין דיכטונג איז געווען צופאַלן. זיין ציל איז געווען אידעע, און נאָר צוליב איר האָט ער געשריבן.

און זיין אידעע איז געווען — גערעכטיקייט, יושר אין פיינסטן און אין ריינסטן זינען, וואָס האָט אים באַוועלטיקט, געהאַלטן צוגעשמידט צו זיך פון די סאַמע פריסטע יאָרן אָן. דאָס יושר־געפיל האָט אים דאָמינירט און אים געצוווּנגען צו שרייבן. זייער אָפט פילט מען אין די ווערק פון פּרצ'ן דעם געראַנגל צווישן דעם אמת־זוכער

און דעם דיכטער. אָבער אַלעמאָל איז מנצח דער אמת־זוכער צום שאָדן פּרצן, דעם דיכטער.

גרויסער שרייבערישער טאַלאַנט, אָן אַ גרויסן מענטשלעכן אידעאַל, איז נישט מער ווי אַ פייערווערק, וואָס פאַרלעשט גיך און לאָזט נאָך זיך גאָרנישט איבער. אָבער ווען גרויסער שרייבערישער טאַלאַנט איז באַהאָפטן מיט אַ גרויסן אַלמענטשלעכן אידעאַל, דעמאָלט באַקומען מיר די באמת גרויסע שרייבערישע פערזענלעכקייט.

אין י. ל. פּרצן האָבן זיך צונויפגעטראָפן די דאָזיקע צוויי עלעמענטן. אין דערפאַר איז זיין דיכטעריש וואָרט אַזוי שטאַרק, אַזוי מעכּטיק, לעבט מיט אַזאַ כוח, אַנטציקט און באַרוישט.

די גאַנצע פּראַכט מיט וועלכער עס אָטעמט „באָנטשע שווייג" איז געשריבן געוואָרן, כדי אונדז צו דערציילן, אַז די נישט יושרדיקע געזעלשאַפט אַטראָפירט דאָס באַוווסטזיין ביים יחיד. די גאַנצע וווּנדערלעכע שיינקייט פון „ביים גוסס צו קאָפּנס" איז געשאַפן געוואָרן, כדי אונדז צו דערציילן, אַז דער דיכטער וויל זיין נאָר מיט די וואָס ליידן, (וואָס פאַראַ אַ וווּנדערלעכע דערציילונג, נישט נאָר אין דער יידישער, נאָר אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור !). דער גאַנצער זין פון „אויב נישט נאָך העכער" ליגט אין דער אידעע, אַז העלפן ממשותדיק אַ נויטבאַדערפטיקן אַפילו מיט גראָשנס, איז מער ווי וואַרפן פראַזן, אַז „עס וועט אַמאָל גוט זיין"...

אַזאַ יושר־זוכער און קעמפער פאַר אַ גערעכטער וועלט, איז פּרץ אין אַלעם, וואָס ער האָט געשריבן און געשאַפן. דאָס גערעכטיקייטסגעפיל איז געווען די איינציקע שטויס־קראַפט, וואָס האָט אים באַוויגן צו נעמען די פעדער און אונדז צו באַשענקען מיט אַזעלכע וווּנדערלעכע ווערק.

אָבער י. ל. פּרץ איז געווען אַ דרייפאַך גרויסע פערזענלעכקייט : ער איז עס געווען אַלס דיכטער, אַלס אמת־זוכער און אַלס ייד !

פּרץ איז געווען צוגעבונדן צו זיין פאָלק מיט לייב און לעבן. ער האָט געקאָנט און געלעבט מיט די גייסטיקע אוצרות, וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן און אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרטויזנטער, און מיט זיין שרייבן, איז ער אויך אויסן געווען דעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פון אונדזער פאָלק.

און אויב פּרץ האָט אַזוי ליב געהאַט זיין פאָלק און געדינט זיין



י. ל. פרץ (צייכענונג פון בען)

פאָלק, איז עס אויך געווען צוליב זיין גרויסן סענטימענט פאַר גערעכטיקייט!

אין קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע, האָט פרץ פאַרטיידיקט דעם שבת אַלס רו=טאָג, שרייבנדיק:

„פאַרגלייכט שבת, דעם טאָג פון רוען פאַר אַלע, פאַר גאָט און פאַר לייט, פאַרן האַר און קנעכט, און פאַר פי, מיטן רעליגיעזן אינסטיטוט=זונטאָג“. (פאַר די צוריקגעקומענע אַ דריטע עצה).

פרצ׳ס קאַמף פאַר איינהאַלטן דעם שבת, איז נישט נאָר געווען דער רעזולטאַט פון זיין צוגעבונדנקייט צו דער יידישער טראַדיציע, נאָר הויפטזאַכלעך, צוליב דער הויכער יושר=אידעע, וואָס דער שבת סימבאָליזירט מיט זיך. פרץ האָט געדענקט, אַז דער שבת איז נישט נאָר אַ רו=טאָג פאַרן לעבעדיקן, נאָר אפילו אויך פאַרן זינדיקן אין גהינום, און דערפאַר רופט אויס רב שלמה אין „די גאָלדענע קייט“:

„שבת זאָל זיין, שבת!
מיט צוואַנגען האַלט איך שבת איין.
נישט געפסקנט. נישט געשטראָפט.“

יאָ, אין פרצן האָט געלעבט אַ דרייפאַכיק גרויסע פערזענלעכקייט, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַלע זיינע כוחות דעם פאָלק, וועקנדיק עס צו אַ שיין, דערהויבן, יידיש און יושרדיק לעבן.

דאָס יידישע לעבן אין פוילן געהערט שוין היינט צו דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס וואונדערלעכע, טויזנטיעריקע קאַפּיטל איז אַזוי גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן. אָבער דאָס יידישע פאָלק לעבט, בויט ווייטער זיין צוקונפט און אין אונדזער ניי לעבן, וועט דער אָנדענק פון י. ל. פרצן כסדר פאַרנעמען דאָס אָרט פון איינע פון די שענסטע געשטאַלטן, וואָס דאָס יידנטום האָט אַרויסגעגעבן.

8

שלום עליכם

אין דער מלחמה 1914—1918, האָט די יידישע ליטעראַטור פאַרלוירן אירע דריי באַדייטנדיקסטע שרייבער; דעם זיידן מענדעלע, פּרצן און שלום עליכמען.

אַלע דריי, זענען אָבער נישט געווען סתם שרייבער נאָר אַלס שרייבער האָבן זיי אויסגעפילט אַ באַשטימטע וויכטיקע מיסיע, זיי זענען געווען קעמפער פאַר אַ שיין און דערהויבן יידיש לעבן.

*

דאָס יידישע לעבן אין יענער וויטער „גאָלדענער צייט“, איז געווען קראַנק, די גרויסע יידישע פאָלקסמאַסן, דעמאָראַליזירט, און דאָס שרייבן פון אונדזערע דריי קלאַסיקער האָט באַקומען איין ציל, איין פאַרלאַנג, איבערבויען דאָס אַראָפּגעזונקענע לעבן, ריינער מאַכן די לופט, אויפהויבן די פאָלקס־מאַסן צו אַ העכערן קולטור־ניוואָ, אַ סוף מאַכן צו דער אַטמאָספערע פון קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע, כתרילעווקע און יעהופּעץ.

אין דער אַלטער צאַרישער אימפּעריע, וווּ עס האָט געלעבט דער רוב פון יידישן פאָלק, און זיך געפינען אונטער אַ רעזשים, וואָס האָט געפּרעסט מיט רעכטלאָזיקייט, פאַרפאָלגונג און פּאָגראָמען, האָבן זיך די יידישע מאַסן געפינען צונויפגעפּרעסט אין שטעט און שטעטלעך אָן אַ גרויס־אינדוסטריע, אָן רעכט אויף בילדונג, אָן ברייטע פּרנסה־מעגלעכקייטן, האָט דעריבער געבליט אַ גרויסע אָרעמקייט, און דאָס קליינלעכע און נעבעכדיקע האָט דאָמינירט אין יידישן לעבן; אונדזערע דריי קלאַסיקער, טיפע אינטעליגענטן, וואָס זענען געווען איבערגעפילט מיט ליבע צום פאָלק, האָבן זיך געמוזט

שטעלן צום קאַמף, כדי איבערצובויען דאָס דאָזיקע געזינקענע לעבן; זייער שרייבן איז אויסן געווען דעם רענעסאַנס פון די יידישע מאַסן. וואָס איטלעכער פון זיי האָט געזוכט צו דערגרייכן אויף זיין אופן, מיט זיינע פּערזענלעך־שרייבערשע וועגן: דאָס כאַראַקטעריסטישע ביי י. ל. פּרצן איז דאָס, וואָס ער האָט געשריבן ווי אַזוי ער וואָלט וועלן זעען דעם יידישן מענטשן, און דערפאַר, זענען געבוירן געוואָרן „ביים גוסס צוקאָפּנס“, צווישן צוויי בערג“, „ביים פּאַקיר“, „זיין גאָלדענע קייט“, א. אַ. מענדעלע האָט געשריבן פון רעאַלן יידישן לעבן, נאָר פיל מיט ביטערקייט און שנאה צו דער אָפּגעשטאַנענקייט.

שלום עליכם האָט געשריבן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, מיטן באַוווּסטזיין אַז זיינע ברידער זענען נישט שולדיק אין זייער געזינקענעם מצב, און אין זייער גרויסער אָרעמקייט, ווי בכלל אין דעם גאַנצן אָפּגעשטאַנענעם לעבן זייערן. דורך זיינע ווערק, האָט ער גערעדט צו די מאַסן, מיט ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש פאַר זייערע ליידן, שמייכלענדיק און לאַכנדיק, אונדז געוויזן דאָס אַלץ, וואָס עס איז קליינלעך, לעכערלעך און שלעכט; עס געוויזן אויף אַזאַ אופן, קיינעם נישט אָפּצושטויסן, נאָר פאַרקערט, געווינען, צוציען צו זיך, און בכלל דערנענטערן איינעם צום אַנדערן; ער האָט איטלעכן געגעבן דאָס זייניקע, און אַלעמען געגעבן די סאַמע וווּנדערלעכסטע פאָטאָגראַפיע פון אונדזער אָפּגעשטאַנענקייט, און אויף אַזאַ אופן געזוכט אויפצועפענען אַלעמען די אויגן, און ווייל דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט אַ האַרציק שמייכל אויף זיינע ליפּן, איז ער לסוף געוואָרן דער סאַמע פּאָפּולערסטער און באַרימטסטער יידישער שרייבער און געקרוינט געוואָרן אַלס דער „הומאָריסט“, כאָטש פיל פון זיינע הומאָרפולע בלעטער לאָזן איבער אַ צערודערונג אויף דער נשמה, און פיל פון זיינע פריילעכע דערציילונגען און בילדער, רופן אַרויס טרערן.

שלום עליכם שילדערט דאָס קליינלעכע לעבן אין זיין אימאַזשינירטן כתרילעווקע, דערציילט ער, דאָס אויב אימיצער האָט דאָרט אַרויסגעגעבן אַ צייטונג א. נ. „דאָס היטל“, האָט אַ קאָנקורענט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צייטונג, וועלכע ער האָט אָנגערופן „דער קאַפּעלוש“, אויב איינער האָט אָנגערופן זיין זשורנאַל „די יאַר־

מלקע“, האָט אַ קאָנקורענט אָנגערופן זיין זשורנאַל „דאָס שטריימל“, א. א. וו.

אין די שטעטלעך האָט כמעט איטלעכער ייד געהאַט אַ צונאָמען, און אַז מאָטל קאַמזויל קומט צו טוביהן, מכוח חתונה־האָבן מיט איינע פון זיינע טעכטער, און ער האָט נישט קיין דרייסטקייט, גלייך צוצוגיין צום ענין, דערהערן מיר פון אים אָט וואָס פאַרא סדרה רייד:

„ס'איז ביי אונדז אַ זומער מיט חתונות: בערל פאָנפאַשט מאַכט חתונה; יוסל שייגעץ מאַכט חתונה: מענדל זאַאיקע מאַכט חתונה; יענקל פּיסקאַטש מאַכט חתונה; מאיר קראָפּעווע מאַכט חתונה; חיים לאָשאַק מאַכט חתונה; און אפילו טריהובעכע די אַלמנה, מאַכט חתונה!“

בעתן לייענען די שורות לאַכן מיר פון דעם מין פאָלקס־שאַפונג, נאָר עס בלייבט פאָרט איבער אַ ביטערער טעם, און מען זעט גלייך אַז נישט צוליב פאַרוויילן אונדז, האָט זיי שלום עליכם אַרויסגע־ברענגט.

שלום עליכם האָט אָנגעהויבן זיין שרייבערישע קאַריערע אין העברעאיש און אין רוסיש. ערשט אין זיין דרייסיק יעריקער עלטער, הויבט ער אָן אַריבערגיין צו יידיש; אָבער דאָס שרייבעריי זיינס איז נאָר אַ צופעליקייט... אַ דיסטראַקציע, וואָרם פאַקטיש, איז ער דעמאָלט אַ רייכער ייד, אַ סוחר וואָס האַנדלט מיט אַקציעס און פירט פאַרשידענע מסחרים. די שרייבעריי איז ביי אים אַן אָפּרו פון די טאָג טעגלעכע געשעפטן.

ער איז דעמאָלט אַ מעצענאַט פון דער יידישער ליטעראַטור, און ג׳ט אַרויס, סוף אַכציקער יאָרן, פון פאַרגאַנגענעם י. ה. די באַ־רימט־געוואָרענע זאַמלהעפטן די „יודישע פאָלקס ביבליאָטהעק“. אַן אויסגאַבע וואָס איז שוין, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען אַ גרויסע זעלטנהייט צו באַקעגענען.

קיינמאָל האָבן יידישע שרייבער נישט באַקומען אַזעלכע הויכע האָנאָראַרן ווי זיי האָבן עס באַקומען פון שלום עליכמ׳ען.

דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן זיין איינאַקטער, די קאָמעדיע „נאָר אַ דאָקטאָר“ וואָס שלום עליכם פאַרעפנטלעכט טאַקע אין



שלום עליכם
(צייכענונג פון בען)

איינע פון זיינע „פאָלקס־ביבליאָטעק“־אויסגאַבעס אונטער וועלכער ער שרייבט אונטער סתם אַ נאָמען, וואָס איז אים צופעליק געקומען אין קאָפ אַריין.

„נאָר אַ דאָקטאָר“ איז גוט באַקאַנט דעם יידישן עולם, און געהערט נישט צו שלום עליכמס ווערק וואָס שטייען אויף אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה, וואָס אָבער איך בין אויסן, איז דאָ צו דערציילן, אַז בעת „נאָר אַ דאָקטאָר“ איז דערשינען אין די „פאָלקס־ביבליאָטעק“־זאַמלביכער, איז עס געווען אַ קאָמעדיע אין פערז און גראַם, אַ פאָרם אין וועלכע די יידישע ליטעראַטור איז זייער אָרעם אפילו נאָך היינט צו טאָג. שפעטער, האָט ער די קאָמעדיע איבערגעאַרבעט אין פראָזע, די פאָרם ווי זי איז צו אונדז דערגאַנגען ביז היינט צו טאָג, מיט דער דאָזיקער איבעראַרבעטונג, האָט ער פון אונדז אַוועקגענומען אַ פרעכטיק ווערק, וואָס די ערשטע פאָרם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

דער אינהאַלט פון „נאָר אַ דאָקטאָר“ איז פשוט און באַנאַל:

א רייכע סוחרישע שטוב, ווו אַ מוטער וויל חתונה מאַכן איר טאָכטער נאָר פאַר אַ דאָקטאָר, און דער פאָטער, נאָר פאַר אַ סוחר; דאָקטוירים זענען אָבער נישט פאַראַן קיין סך, קען דער שדכן ברענגען אַ דאָקטאָר „אַ פילאָזאָף“; וואָס איז אַזוינס פילאָזאָפיע, ווייס דוכט זיך איטלעכער ייד, „אַ שטיקל חקירה אין הימל־זאַכן“, ווי עס דרוקט זיך אויס טוביה דער מילכיקער, אויך ווייס יעדער ייד אַז א דאָקטאָר איז אַ מענטש וואָס היילט פון קראַנקייטן, אָבער אַ דאָקטאָר־פילאָזאָף? דאָס איז אין יידישן לעבן, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק געווען נאָך אַ זעלטנקייט, און דעריבער נישט זייער פאַרשטענדלעך, זיין טעטיקייט, און בעת מען פרעגט דעם שדכן, וואָס האָט פאַר דעם גבירס טאָכטער אַ דאָקטאָר־פילאָזאָף, „וואָס איז דאָס פאַרא קראַנקייט?“, דערקלערט ער:

„פילאָזאָפיע? אַ שרעקלעכע חולאת.
אַ קאָפ־קראַנקייט, אַ סאָרט משוגעת.
אין אויסלאַנד, זאָגט מען, איז פאַראַן אַזאַ אָרט,
אַז די וואָס פאָרן אַהין, פאַרשלעפן עס פון דאָרט.
די מענטשן קריגן אַ מאָדנע גריזאָטע,

און עס ווילט זיך זיי אָנכאַפּן גאָט פאַר דער קאַפּאָטע.
און אַלע מענטשן וואָס זיי זעען אויף דער ערד,
האָבן ביי זיי אַ פּנים פון בהמות און פון פערד.“

די דאָזיקע שורות זענען געשריבן מיט אַ געוואַלטיקן כוח, זיי דערמאָנען אין דעם כוח פון אַ מאָליער, און עס איז נאָר צום באַדויערן, וואָס די דאָזיקע קאָמעדיע אין פערז און אין גראַם, איז פאַרבליבן אומבאַקאַנט דעם יידישן לייענער.

שלום עליכם האָט אָנגעשריבן זייער פיל ווערק, אָבער זיינע סאַמע באַדייטנדיקסטע זענען אָן ספק זיינע „בריוו פון מנחם מענדלען צו זיין ווייב“ און „טוביה דער מילכיקער“, דאָ האָט זיך דער דיכטער פאַרמאָסטן אויף צו געבן דעם סינטעז פון יידישן פאָלקסכאַראַקטער, און געשאַפן צוויי מאָנומענטאַלע ווערק, וואָס וועלן לעבען אַזוי לאַנג ווי עס וועט לעבן די יידישע ליטעראַטור.

מנחם מענדל, דער סינאָנים פון ייד פון קליינעם לעבן, פון אַ לעבן אָן צו שפּילן אַ-ראָל אין וויכטיקע געביטן, וואָס האָט נישט קיין צוטריט נישט צו בילדונג, נישט צו ערד, נישט צו דער גרויסאינדוסטריע, לעבט ער אין כסדרדיקער נויט און קוועל, דערביי האָט ער אָבער אין זיך אַ געוואַלטיקע ענערגיע, וואָס טרייבט אים, לאָזט אים נישט צורו, ער פילט אין זיך די פעאיקייט אויפצוטאָן אַ סך, אַ סך, איינלייגן און אויפבויען וועלטן, נאָר זיין לעבן איז באָדנלאָז און קראַנק, איז אַלץ וואָס ער נעמט אונטער פאַלט דורך, געלינגט נישט, דערביי איז ער אויך אַ בעל חלומות, וואָס חלומט אויס די שענסטע פּלענער וואָס ווערן אָבער גלייך צערינען, ווי נאָר זיי קומען אין באַרירונג מיט דער רעאַליטעט. ער שמאַיעט אַרום אויף די בערזעס, קויפט אַקציעס, שפּעקולירט אויף „האָס“ און „בעס“, יעדעם מאָל זעט ער זיך שוין אַלס גביר, און חברט זיך שוין, אין דער פאַנטאַזיע, מיט בראָצקין, מיטן באַראָן הירש, מיט ראָטשילדן, און גלייך קומט דער קראַך. די ביטערע ענטוישונג, ווען נאָך די מיליאָנען וועלכע ער האָט שוין געפילט אין די הענט, האָט ער אפילו נישט קיין גראָשן אויף אַ שטיקל ברויט פאַר ווייב און קינדער. דער טיפּ מנחם מענדל איז איין זייט פון באָדנלאָזן יידישן לעבן: יעדעם מאָל הויבן מיר אָן אויף דאָס ניי, נאָר ווייל אַלץ ווערט געבויט, נישט אויף געזונטער ערד, נאָר אויף זאַמד, און ווייל אַלץ וואָס מען נעמט

ביי אונדז אונטער, באַזירט מער אויף פאַנטאַזיע ווי אויף פראַקטישקייט, קומט גיך די ענטוישונג, דער קראַך.

די דערגאַנצונג צו מנחם מענדלען, איז טוביה, די צווייטע זייט פון אונדזער פאָלקס-כאַראַקטער; טוביה האָט ליב יעדן מענטשן, פאַרשטייט יעדן מענטשן. ער איז אַליין נישט קיין קענער, נישט קיין לערנער, נאָר ער האָט דרך ארץ פאַר דעם וואָס קען; „ביי מיר אַן עם הארץ איז ערגער טויזנט מאָל פון אַ הולטיי“, „איר מעגט אייך גיין אָן אַ היטל, אפילו מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַבי איר ווייסט וואָס רש״י מאַכט זענט איר פון מיינע לייט, אָט אַזאַ ייד איז טוביה...“ דריקט ער זיך אויס וועגן זיך אַליין. טוביה ווערט דורך איטלעכן באַעולט, נאָר ער פאַרלירט נישט זיין גוטע שטימונג, ווייל „כעס איז עבודה זרה“. ער איז שטענדיק פיל „מיט בטחון צו זיין ליבן נאָמען“, „ווי אַזוי גאָט פירט, אַזוי איז גוט“, „נו, גייט פרובירט פאַרקערט, וועט עס דען העלפן?“ אַזוי איראָניזירט די ברייטע יידישע פאָלקס-מאַסע.

מנחם מענדל און טוביה דער מילכיקער, זענען צוויי ווערק וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם סינטעז פון יידישן פאָלקס-כאַראַקטער. להיפוך צו מנחם מענדלען וואָס לעבט פון לופט-געשעפטן, האָט שוין טוביה זיין שטענדיקע פרנסה, ער איז אַ פראָדוקטיווער מענטש, ער אַרבעט אויס קעז און פוטער, פאָרט יעדן טאָג מיט פערד און וואָגן צו קונים, קלויבט אַ שווער פאַרדינטן גראָשן צו גראָשן, כדי קענען חתונה מאַכן זיינע טעכטער,

ווונדערלעך איז דאָס קאַפּיטל „אַ בוידעם“, אין וועלכן טוביה באַקענט זיך מיט „זיין קרוב“ מנחם מענדלען, און דער לעצטער שטעקט אים אָן מיט זיינע חלומות צו ווערן גיך אַ גביר, און באַקומט פון אים אַרויס די אָנגעזאַמלטע, שווער פאַרהאָרעוועטע פאָר רובל כדי צו פרובירן אַ שפּעקוליר טאָן אויף „האָס“ און „בעס“ און בעת טוביה חלומט אַז אָט, אָט ברענגט אים זיין קרוב מנחם מענדל טויזנטערס דערוויסט ער זיך אַז יענער האָט פאַרלויר; דאָס געלט אויף דער שפּעקולאַציע, און פון זיינע זיסע חלומות, לאָזט זיך אויס „אַ בוידעם“.

טוביה וואָס פאַרדינט זיין פרנסה פון אַרבעט און האַנדל, קען

זיך אויך נישט באַפרייען פון דער מנחם־מענדלישער שוואַכקייט, און בריט זיך דערבײַ אָפּ.

מיר לייענען מנחם מענדלס בריוו צו זיין ווייב, און מיר מאָלן זיך אויס, אין אונדזער פאַנטאַזיע דאָס געשטאַלט פון דעם בעל חלומות, אָבער אָנקוקן מנחם מענדלען קענען מיר פאָרט נישט, דערפאַר ווערט עס אונדז מעגלעך דורך טוביהן, וואָס שילדערט אים אָט ווי אַזוי:

„עס האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין האַרצן, אַז כ'האָב אים דערזען. ס'איז מיר פּרחה נשמתו געוואָרן: ווי איך האָב ערגעץ אַ שונא און ווי איר האָט אַ שונא, זאָלן מיר אים דערלעבן זען אין אַזאַ הולך ווי מנחם מענדלען. וואָס מיר קאַפּאָטע? ווער מיר שטיוול? און אַ פּנים, טאַטעניו, אַ שענערן לעגט מען אין דער ערד אַריין“.

און טוביה פאַרשטייט זיך אָפּצוטרייסלען פון די לופט־געשעפטן, און עצה'ט:

„טוביה דאַרף אין זינען האָבן קעז און פּוטער, נישט קיין חלומות“.

צוויי וווּנדערבאַרע טיפּן וואָס שטעלן מיט זיך פאָר איין געשטאַלט, דעם יידישן פאָלקס־מענטש.

מיט די צוויי ווערק האָט שלום עליכם געשטעלט זיך אַליין, אַ גראַנדיעזן מאָנומענט.

נישט נאָר וואָס שלום עליכם איז געווען אַ פּראָגרעסיווער מענטש, נאָר ווי מיר זעען עס אַרויס פון זיינע ווערק, איז ער אויך געווען שטאַרק ראַדיקאַל געשטימט; אין איינע פון זיינע דערציילונגען, ברענגט ער אַרויס אַ טיפּ פון אַ געבילדעטן יונגן מאַן, אַ ביסל אַ „נאַאיוון“, וואָס איז צוליבן פּלוצימדיקן טויט פון זיין שווער, אַ פּראָצענטניק, געוואָרן דער בעל בית איבער אַ גרויס פאַרמעגן; דער יונגערמאַן קוקט איבער די ביכער פון די בעלי חובות, און גיט זיי אָפּ די וועקסלען, דערקלערנדיק די ענטשטשוינטע מענטשן, אַז „על פּי מאַטעמאַטיקע“, זענען זיי שוין גאָרנישט שולדיק, ווייל זיי האָבן שוין באַצאָלט מער ווי זיי האָבן געדאָרפן; די יידן צוזאַמען מיטן רב פון שטעטל, קענען נישט באַגרייפן אַזאַ האַנדלונג, און עס

בלייבט ביי זיי, אַז דער יונגערמאַן, דער יונגער גביר איז נישט אַנדערש, נאָר „משוגע“.

אין זיין דערציילונג „נחת פון קינדער“, ווייזט אונדז שלום עליכם אַ גרויסע יידישע פאַמיליע, וואָס אַלע האָבן זיי זיך אָנגעלייגט אויף איין מענטשן וואָס האָרעוועט פאַר זיי אַלעמען שווער און ביטער, און איטלעכער פון די גאָרנישט־טוערס איז איבערצייגט אַז ער פאַרשאַפט אים כבוד, ווייל יענער איז אַ פּראָסטער הענדלער, וואָס קען נישט לערנען און זיי, זיידענע מענטשן, תורה־לייט.

שלום עליכם האָט נישט אָנגעהערט צום רעוואָלוציאָנערן לאַגער, דאָך איז טוביהס באַליבטער איידעם, דער רעוואָלוציאָנער פּעפּערל; פאַר אים האָט ער גרויס דרך ארץ, צו אים האָט ער צוטרוי; אַז זיין האָדל פאָרט נאָך איר מאַן, וואָס ווערט פאַרשיקט קיין סיביר, זאָגט איר טוביה:

„זאָלסט אים כאָטש לאָזן גריסן, דעם אַלעקסאַנדער מוקדון
דיינעם, זאָלסט אים זאָגן אַז איך פאַרלאָז מיך אויף זיין יושר, אַז
ער וועט מיין טאָכטער מסתמה נישט פאַרפירן“.

אַ חוץ דעם געוואַלטיק דערציילערישן כוח פון זיין פעדער און פּסיכאָלאָגישע טיף וועלכע ער דערגרייכט, איז שלום עליכם אויך געווען אַ גרויסער דיכטער; דאָס לעצטע קומט כסדר צום אויסדרוק, נישט דורך הויכע פראַזן און פּאַטעטישע טיראַדן, נאָר דורך די סאַמע פּשוטסטע ווערטער, און דערפאַר איז דער עפעקט נאָך שטאַרקער, פיל מאָל ממש אויפטרייסלענדיק,

טוביה פאָרט צוריק אַ היים, נאָכן פאַרקויפן זיין ביסל מילכיקס, ער זיצט אין זיין וועגעלע און טראַכט „וועגן דעם, וועגן יענעם“, און מיר לייענען:

„ס'איז זומער, די זון באַקט, די פליגן בייסן, און די וועלט
אַרום איז מחיה גרויס, אָפּן, כאָטש הויב זיך אויף און פלי, ־באָטש
צי זיך אויס און שווים!“

פּשוטע ווערטער, גערעדט אַזוי ווי עס רעדט דאָס פאָלק, נאָר וואָס פאַראַ כוח עס גיט פון זיך אָפּ. די שורות זענען בכוח צו אינספּירירן אַ שאַגאַל.

אָדער אין זעלבן קאַפּיטל ביי טוביהן, לייענען מיר:

„טוט מען אַ בלאָז מיטן שופר, אַזוי צעלויפן זיך אַלע דאַטש⸗

ניקעס, ווי די מייז אין אַ הונגער, און בויבעריק ווערט אַ פּוסטקע. דעמאָלט האָב איך ליב צו זיצן אין דער היים, ביי זיך אויף דער פּריזבע. די טעג זענען געשענקטע, די זון באַקט שוין נישט אַזוי ווי אַ קאַלך־אויוון, נאָר זי גלעט מיט אַ מין ווייכקייט, מחיה נפשות. דער וואַלד איז גרין, די סאָסנעס הערן נישט אויף צו שמעקן מיט סמאָלע, און עס דוכט זיך מיר אַז דער וואַלד קוקט יום טובדיק, ווי גאָטס אַ סוכה. אָט דאָ, טראַכט איך מיר, האַלט גאָט סוכות, דאָ און נישט אין שטאָט, ווו סע טאַראַראַמט און מענטשן לויפן אַהין און אַהער, פּאָכען מיט דער נשמה, יאָגן זיך נאָכן שטיקל ברויט, און, מען הערט נאָר, געלט, געלט און געלט, און ווער שמו־עסט אויף דער נאַכט הושענא רבה למשל, איז דאָך אַ גן עדן; דעמאָלט איז דער הימל בלוי, די שטערן פינקלען, שעמערירן, בייטן זיך, פינטלען ווי להבדיל אַ מענטש מיט די אויגן; און אַמאָל מאַכט זיך, פליט דורך אַ שטערן פייל אויסן בויגן, לאָזט איבער נאָך זיך אויף אַ רגעלע אַ גרינעם פּאַס".

אַזוי דיכטעט שלום עליכם, פּשוט מענטשלעך, און דערגרייכט די הייכקייט פון הימל!

מיר האָבן פאַרלויר'ן אין אים אַ געוואַלטיק גרויסן פּראָזע־מייסטער, אַ גרויסן דיכטער, און טייערן יידן.

9

שלום שוואַרצבאַרד

ער האָט געוווינט אין פּאַריז יאָרן לאַנג, און געווען דאָ גוט באַקאַנט אַלס „שלום זייגערמאַכער“. ווער עס האָט נאָר געהאַט די מעגלעכקייט אים צו באַקענען אַ ביסל נענטער, האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין פּשוטקייט און פאַר זיין גוטסקייט וואָס האָט אָפּגעגעבן פון זיין יעדן וואָרט און זשעסט.

באַקאַנט האָב איך זיך מיט אים אין פּאַריז אין יאָר 1924, און פון צייט צו צייט זיך מיט אים געטראָפן אויף פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען.

שלום שוואַרצבאַרד איז געווען אַ מאַן פון מיטעלן וווּקס, אַ בלאָנדער, מיט אַ גוטמוטיק פּנים, וואָס האָט כמעט שטענדיק לייכט געשמייכלט צו איטלעכן, ער איז געווען צופרידן צו זען פריינד און בכלל מענטשן, וואָס האָבן אַן אינטערעס פאַר ערנסטע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן.

ער פלעגט ווייניק רעדן. דאָס רוב געהאָרכט די רעדנער, נאָר קוים פלעגט ער אַליין נעמען אַ וואָרט אויף די פאַרזאַמלונגען, פלעגט ער, אָנהויבנדיק גאַנץ געלאַסן, זייער גיך אַריינפאַלן אין אַ ליידנשאַפטלעכן און העכערן טאָן, און פאַרענדיקן ממש מיט אַ דראַמאַטישער נאָטע; ער איז געווען זייער אימפּולסיוו, און אויב אים פלעגט זיך אויסדוכטן אַז עס ווערט געמאַכט עפּעס אַ פעלער, אָדער אַז עפּעס ווערט געטאָן נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָדער אַז עס געשעט אַן אומגערעכטיקייט, פלעגט ער נישט קענען וועגן דער זאַך רעדן רואיק.

וועגן שוואַרצבאַרדס גרייטן זיך צום אַטענטאַט אויף פּעטליורען, האָט כמעט קיינער נישט געוווּסט. איינצלנע, גאַנץ נאָענטע פריינד, פאַר וועלכע ער פלעגט לאָזן פאַלן אַ פּאָר ווערטער, אַ שטיקל אָנצוהערעניש אויף פּעטליורעס חשבון, האָבן, קענענדיק זיין כאַראַקטער,

זיין טיפע, איינגעבוירענע גוטסקייט, אויף קיין פאַל אים נישט חושד געווען אין דער מעגלעכקייט פון דורכפירן אַזאַ אַקט; דערפאַר טאַקע, ווען עס איז אין פּאַריז באַקאַנט געוואָרן די ידיעה וועגן זיין דערשיסן פּעטליורען, זענען די נאָענטסטע פריינד זיינע, מער ווי איטלעך אנדערער, געווען געוואַלטיק איבעראַשט. עס האָט זיך אויף קיין פאַל נישט געלייגט אויפן שכל, אַז דער דאָזיקער ליבער, גוטער שלום שוואַרצבאַרד, זאָל האָבן ביי זיך געפּועלט דאָס דערהרגענען אַ מענטשן.

כדי צו רעאַליזירן דעם פאַרטראַכטן אַטענטאַט און אים דורכצופירן אַזוי ווי שלום שוואַרצבאַרד האָט אים דורכגעפירט, האָט מען געמוזט פאַרמאָגן אַ גאָר גרויסן אינערלעכן ווילן; ווי מיר ווייסן עס איצט, האָט ער זיך געגרייט דערצו חדשים־לאַנג; ער האָט געהאַט אויסצושטיין אַ שווערע מלחמה מיט זיך אַליין, כדי צו קענען מיט זיך גופא פערטיק ווערן, דערנאָך דאָס גרייטן דעם אַטענטאַט און דאָס רעאַליזירן אים מיט דער סאַמער גרעסטער אויסגעהאַלטנקייט און כבוד. שוואַרצבאַרד האָט מיט זיין אַקט באַוויזן ווי ווייט רייף ער איז געווען פאַר דער מיסיע וועלכע ער האָט אויף זיך גענומען.

ס'איז מערקווירדיק־טראַגיש דער גורל פון פיל יידישע העלדן, וואָס זייער „איך" און זייערע נשמות, זענען געווען באַשאַפן צו פירן אַ פרידלעך און אַרבעטזאַם לעבן און דאָך זענען זיי דורך די באַדינגונגען, געווען געצוווּנגען צו נעמען געווער אין האַנט, און ווערן פאַרטיידיקער פון פאַרפאָלגטע און באַעולטע, שטראָפנדיק די שולדיקע מיט דער סאַמער שווערסטער שטראָף, מיט טויט.

עס איז גענוג צו דערמאָנען די פּרעכטיקע פערזענלעכקייט פון גריגאָרי גערשוני, דעם מינסקער יידישן פאַרמאַצעווט, וואָס האָט געזוכט שלום און לסוף, געוואָרן דער אָנפירער פון אַ טעראָריסטישער גרופּע, און שטייענדיק פאַרן געריכט, ווו עס האָט אים געדראָט אַ טויט־אורטייל, געזאָגט צו זיינע פייניקער, די ווונדערלעכע ווערטער:

„— מיר וועלן אייך קיינמאָל נישט מוחל זיין, נישט דאָס וואָס איר פאַרגיסט אונדזער בלוט, נאָר וואָס איר צווינגט אונדז, מיר זאָלן דאַרפן פאַרגיסן, אייער בלוט".



שלום שוואַרצבאַרד
(צייכענונג פון בען)

די דאָזיקע רייד פון גריגאָרי גערשוני, שליסן אויך איין אין זיך אַלע ליידן פון שוואַרצבאַרדן, וועלכער האָט חדשים־לאַנג געפירט אַ מלחמה מיט זיך אַליין כדי קענען ביי זיך פועלן דאָס אייגנהענטיקע באַשטראָפן פעטליורען מיט טויט. שוואַרצבאַרדס ליידן זענען געוועזן פיל שווערער, פיל גרויזאַמער ווי פון זיין קרבן, וואָרם יענער האָט געליטן אייניקע קורצע מינוטן, אפשר סעקונדן, און שוואַרצבאַרד האָ געליטן חדשים פריער און אויך דערנאָך.

ווי מערקווירדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, מוז איך אָבער דערציילן, אַז אין דעם זעלבן שלום שוואַרצבאַרד, דעם העלד, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל גייסטיקע גבירה, האָט גלייכצייטיק געלעבט אַ נשמה פון אַ נאַאיוו קינד. זאָל דערציילט ווערן:

דאָס איז געווען גלייך נאָך שוואַרצבאַרדס פראָצעס: אויף דעם צווייטן צו דריטן טאָג נאָך זיין באַפרייאונג, באַקום איך פון אים אַ בריוו צו קומען אים זען. „עס איז זייער אַן אייליקער ענין" האָב איך געלייענט אין זיין בריוול, עס האָט זיך געהאַנדלט אָט אין וואָס:

גלייך נאָך דער באַפרייאונג זיינער, האָט דער „פאַריזער היינט" און נאָך אייניקע יידישע צייטונגען, דערונטער אויך אַ גרויסע יידישע צייטונג פון ניו־יאָרק, מיר דוכט זיך אַז דאָס איז געווען דער „מאָרגן זשורנאַל", אָפּגעקויפט ביי שוואַרצבאַרדן זיינע זכרונות, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין טורמע; די צייטונגען האָבן געוואָלט וואָס גיכער באַקומען דעם מאַנוסקריפּט; דער ענין איז אָבער נישט געווען אַזוי פשוט, ווייל די זכרונות, זענען נאָך ווייט נישט געווען גרייט צום דרוק; דאָס איז געווען אַן אָנגעוואָרפענער מאַטעריאַל, וואָס האָט געפאָדערט אַ גרויסע רעדאַקציע־אַרבעט; רייניקונג, סטיליסטישע אויסבעסערונגען, א. א. וו.

נאָך די אַלע איבערגעלעבטע אויפרעגונגען, און גאַנץ באַזונדער, נאָך די אויפרעגונגען בעתן פראָצעס גופא, און פון דער באַפרייאונג, האָט זיך שוואַרצבאַרד געפינען אין אַזאַ נערוועזן צושטאַנד, אַז ער איז נישט אומשטאַנד געווען זיך נעמען צו דער דאָזיקער אַרבעט, דערצו נאָך האָט ער פאַרמאָגט אַ זייער נישט לייענבאַרע האַנטשריפט, און אין דער געשפּאַנטער און נערוועזער שטימונג אין וועלכער ער האָט זיך געפינען, איז ער אַליין נישט געווען בכוח צו לייענען אפילו זיין אייגענעם כתב יד, און ווייל די צייטונגען האָבן

געוואָלט וואָס גיכער באַקומען דעם מאַטעריאַל, האָט מען געמוזט האָבן אַ מענטשן וואָס זאָל באַאַרבעטן שוואַרצבאַרדס זכרונות; דאָס איז געווען דער זין פֿון שוואַרצבאַרדס בריוול וועגן קומען אים זען; איך און דער באַקאַנטער פּאַריזער זשורנאַליסט הערש פֿענסטער, דער מחבר פֿון בוך „אונדזערע פֿאַרפֿייניקטע קינסטלער“ האָבן טאַקע אַ געוויסע צייט, זיך פֿאַרנומען מיט באַאַרבעטן די מעמואַרן.

דערהאַלטנדיק שלום שוואַרצבאַרדס בריוול, בין איך געקומען אים זען; כ'האָב אים געטראָפֿן אַן אומגעדולדיקן, און זייער נערוון. ער האָט נישט געקענט איינשטיין אויף קיין אָרט, געשפּאַנט איבערן צימער, גערעדט הייס וועגן די איבערגעלעבטע טעג, דערציילט פֿאַרשידענע אייגנצלהייטן וועגן די עדות און וועגן די ריכטער.

די שטוב ווו שוואַרצבאַרד איז דעמאָלט איינגעשטאַנען איז ממש געווען פֿאַרפֿלייצט מיט יידישע צייטונגען פֿון גאָר דער וועלט, וואָס האָבן געשריבן וועגן גאַנג פֿון פּראָצעס; שוואַרצבאַרד האָט זיך געפֿרייד ווי אַ קינד, צו זען אַז די יידישע וועלט איז מיט אים, אַז מען פֿאַרשטייט און מען שאַצט אָפּ זיין האַנדלונג. ער ווייזט מיר פֿאַרשידענע צייטונגען, אַרטיקלען פֿון אָנגעזעענע יידישע פּערזענלעכקייטן, און פּלוצים טראָגט ער מיר צו אַ ניו-יאָרקער צייטונג, די זעלבע וואָס האָט אָפּגעקויפֿט זיינע מעמואַרן, און ווייזט מיר דאָרט זיינס אַן אייגענע אָפּגעדרוקטע פּאָעמע, אַ גרויסע באַלאַדע אויף אַ פּאָגראָם-מאָטיוו, געשריבן און אַרויסגעשמוגלט פֿון דער טורמע. איך הויב אָן לייענען און דערזע, אַז אין דער סאַמע מיט פֿון דער פּאָעמע, זענען פֿיר פֿערזן נישט געדרוקט, נאָר עס איז געבראַנגט געוואָרן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זיין האַנטשריפֿט, מיט אַ באַמערקונג פֿון דער רעדאַקציע אַז „מיר ברענגען דאָ פֿאַר אונדזערע לייענער די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון שלום שוואַרצבאַרדס האַנטשריפֿט“.

שוואַרצבאַרדס האַנטשריפֿט האָב איך גוט געקענט, און ווי איך האָב שוין דערציילט איז זי געווען זייער נישט לייענבאַר, און דאָ, אין דער צייטונג, האָב איך דערזען אַ שיינע פּרעכטיקע קאַליגראַפֿישע האַנטשריפֿט, וואָס איז צוגעטראָגן געוואָרן דעם לייענער, ווי די האַנטשריפֿט פֿון שוואַרצבאַרדן.

— שלום, — ווענד איך מיך צו אים אַן ענטשטויטער, — דאָס איז דאָך נישט אייער האַנטשריפֿט!

— שששששש... כאַפּט ער זיין פינגער צו די ליפּן, זאָגט נישט אויס, — און ער רוימט מיר איין אין אויער, — איך וויל נישט מען זאָל עס וויסן. דאָס איז טשאַרלי'ס האַנטשריפט, — און ער פאַרויטלט זיך ווי אַ קינד.

ביז היינט צו טאָג זע איך פאַר מיר שוואַרצבאַרדן אַ פאַרויטלטן און איך קען נישט נישט טראַכטן וועגן אים, דעם העלד וואָס האָט אַזוי מוטיק דורכגעפירט דאָס באַשטראָפן דעם פאַרברעכער פּעטליורע, און דעם זעלבן שלום שוואַרצבאַרד, וואָס באַהאַלט אויס, און שעמט זיך מיט זיין נישט רייפער האַנטשריפט, וואָס רופט אַרויס דאָס רויטלען זיך פון זיין פּנים.

שלום שוואַרצבאַרד איז אַריין אין אונדזער געשיכטע אַלס איינער פון די שענסטע קינדער פון אונדזער פאָלק, טאַקע קינדער, וואָרם ביי זיין גאַנצער רייפקייט איז ער אין זיין נשמה פאַרבליבן אַ שעמעוודיק קינד.

אַזוי האָב איך אים געזען, און אַזוי איז ער פאַרבליבן אין מיין זכרון.

*

אויב ישׂראל זאַנגוויל וואָלט היינט צו טאָג צוגעטרעטן שרייבן זיינע „טרוימער פון געטאָ“, וואָלט שלום שוואַרצבאַרד, אָן ספק, דאָרט פאַרנומען זייער אַ בכבודיק אָרט.

ער האָט מיט זיך פאַרקערפּערט אַ גרויסן העלד מיט אַ גרויס איידל האַרץ וואָס איז אַרומגעגאַנגען צווישן אונדז נישט באַקאַנט, ווי אַ ל"ו'ניק, ביז צום טאָג פון זיין אַנטפּלעקן זיך.

געשטאָרבן איז ער ווייט פון פּאַריז, אין זיד־אַפריקע, אין שליחות פון דער דובנאָוו־ענציקלאָפּעדיע.

זיין נאָמען וועט שטענדיק לעבן צווישן אונדז ווי אַ מוטיקער בייַשפּיל פון האַנדלונג קעגן אַלע אונטערדריקער און פּייניקער פון אונדזער פאָלק.

קינסטלער און קונסטווערק

10

אַ גענאַנג צו דער אָרעמקייט *

פאַראַן ביכער, וואָס האָבן אַ גליקלעכן גורל, ביכער, וואָס פאַרמאָגן אַזאַ כוח, אַז ווי נאָר מען עפנט זיי אויף און מען הייבט אָן לייענען די ערשטע שורות, אַזוי לייענט מען זיי שוין ביז צום סוף; מען קען שוין דאָס בוך נישט אַרויסלאָזן פון דער האַנט, ביז מען לייענט נישט דורך דאָס לעצטע זייטל, די לעצטע שורה, דאָס לעצטע וואָרט.

דאָס בוך פון יצחק יאַנאַסאָוויטש „אַ שטוב אין אַ שטעטל" געהערט צו יענע גליקלעכע ווערק. עס פאַרמאָגט אַזאַ גרויסן כוח, אַז גלייך פון אָנהויב ווערט מען געפאַנגען פון דעם דיכטערישן כישוף, וואָס טראָגט זיך פון דאָרט און מען קען שוין דאָס בוך נישט אַרויסלאָזן פון דער האַנט.

*

פאַראַן ביכער, וואָס געפעלן, וואָס פאַרכאַפּן; „אַ שטוב אין שטעטל" האָט די אַלע און נאָך מער מעלות. פאַראַן אין דעם בוך בלעטער, וואָס פאַרשפּילן אונדז, מיר זענען פאַרכאַפּט פון די פּרעכטיקע פּייזאַזשן און געשילדערטע געשטאַלטן; מיר אַנטציקן זיך פון דעם אופן ווי אַזוי דער מחבר בויט זיינע פּערזן און גאַנץ באַזונדער אויך, פון זיין אופן גראַמען די פּערזן. דאָס בוך האָט אַ סך, גאָר אַ סך גרויסע מעלות; „אַ שטוב אין שטעטל" האָט אויך אַזאַ דראַמאַטישן אינהאַלט וואָס וויקלט זיך פאַר אונדזערע אויגן מיט אַזאַ כוח פון יצחק יאַנאַסאָוויטשנס טאַלאַנט, אַז מיטן לייענען די

* יצחק יאַנאַסאָוויטש „אַ שטוב אין שטעטל", פּאַריז 1951.

פּאָעמע ווערן מיר פון בלעטל צו בלעטל אַלץ מער אויפגעטרייסלט. דאָס בוך לאָזט איבער אַזאַ איינדרוק, פון וועלכן פיל לייענער וועלן זיך לאַנג לאַנג נישט קענען באַפרייען.

דער אינהאַלט פון „אַ שטוב אין שטעטל“, דער דראַמאַטישער סוזשעט, וואָס טרייסלט אַזוי אויף, ווייל ער איז דערציילט מיט אַ גרויסן קינסטלערישן כוח, קען אויסגעדרוקט ווערן מיט עטלעכע ווערטער :

— עס איז אַ בוך, וואָס דערציילט וועגן נויט, וועגן הונגער !

*

מיר לעבן אין אַ נישט יושרדיקער געזעלשאַפט ; פון איין זייט זעען מיר אַ געוואַלטיקע פאַרשווענדערישקייט, פון דער אַנדערער זייט אַן אויסערגעוועגלעכע נויט ; די אַלע פּלאָגן, וואָס הערשן אויף אונדזער וועלטל, קומען פיל מאָל צום אויסדרוק אין דער ליטעראַטור, אַזוי אויך באַווייזן זיך פון צייט צו צייט ווערק וועגן נויט און הונגער. „אַ שטוב אין שטעטל“ באַזינגט די נויט פון אַ פאַמיליע, אָבער דאָס ווערט דערציילט מיט אַזוי פיל דיכטערישן כוח, אַז ער טרייסלט אויף דעם לייענער און לאָזט איבער אַ נישט פאַרגעסלעכן איינדרוק.

דעם איינדרוק, וואָס „אַ שטוב אין שטעטל“ האָט אויף מיר געמאַכט, קען איך פאַרגלייכן נאָר צו איין ווערק, וואָס איז דערשינען קורץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דאָס בוך, נישט קיין פּאָעמע, האָט דאַן געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער אייראָפּעאישער קריטיק און איז פאַרבליבן צווישן די בעסטע פון אונדזער. האַלבן יאָרהונדערט — כ׳מיין דאָס בוך „מיר הונגערט“ פון געאָרג פינק.

דאָס בוך „אַ שטוב אין שטעטל“ פון יצחק יאַנאַסאָוויטש, כאָטש פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, פון אַ גאַנץ אַנדערער סביבה און פון אַ גאַנץ אַנדערער וועלט, וועט אָן ספק פאַרנעמען איינס פון די סאַמע וויכטיקסטע ערטער אין אונדזער ליטעראַטור.

*

ווי שוין געזאָגט, ווערט אין דער פּאָעמע „אַ שטוב אין שטעטל“, דערציילט וועגן אַ פֿאַמיליע, וואָס איז געבליבן אָן פּרנסה און ליידט נויט; דערציילנדיק וועגן דער שטוב, דערציילט יצחק יאַנאַסאָוויטש וועגן די מיטגלידער פֿון דער משפּחה: טאַטע-מאַמע, שוועסטער און ברידער, פֿעטערס, באָבעס און זיידעס פֿון אַמאָל, וועגן אַזוי פֿיל געשטאַלטן פֿון שטעטל און וועגן געשעענישן. מיט איין וואָרט, עס איז אַ פּאָעמע, וואָס דערציילט און זינגט וועגן דעם אַמאָליקן יידישן לעבן אין פּוילן: די פּאָווסטאַניע, פּויערים-אויפשטאַנדן, די אַרבעטער-באַוועגונג, צאַרישע פּאָליציי, אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען; דאָס נייע פּוילן פֿון 1918 ביז 1939 און די געענדערטע יידישע לעבנס-באַדינגונגען, ציוניזם, לעגענדעס וועגן יידישע גזלנים, מיט איין וואָרט — „אַ שטוב אין שטעטל“ איז דאָס שטעטל פֿון יצחק יאַנאַסאָוויטש. עס איז ז י י ן ה י י ם.

און לייענענדיק די דאָזיקע פּאָעמע, מוז מען טראַכטן וועגן נאָך אַזאַ ווערק אין אונדזער ליטעראַטור, איך מיין די פּרעכטיקע פּאָעמע „מיין היים“ פֿון אומגעקומענעם יחיאל לערער.

צוויי וווּנדערבאַרע פּאָעמען, וואָס זינגען וועגן דעם יידישן לעבן און דער יידישער פֿאַרגאַנגענהייט אין פּוילן, נאָר מיטן אונטערשיד, וואָס יחיאל לערערס „מיין היים“ שפּרודלט מיט פֿאָלקס-הומאָר און איז אַ פֿריילעך ווערק, בעת די פּאָעמע פֿון יצחק יאַנאַסאָוויטשן אָטעמט מיט אַזוי פֿיל פּיין און מענטשלעכע ליידן.

אָבער דאָ זאָל מיר דערלויבט זיין אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף נאָך אַ גרויסן וויכטיקן אונטערשיד, וואָס טיילט אָפּ די צוויי אַזוי נאָענטע ווערק:

בעת דעם לייענען „מיין היים“, דערפֿילט מען גלייך, אַז דער אומגעקומענער יחיאל לערער האָט זיך געפֿינען אונטערן איינפֿלוס פֿון אַדאַם מיצקיעוויטשן; „מיין היים“ שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ קליינעם „פּאַן טאַדעאוש“; אוודאי דאַרף מען זיך מיט איינפֿלוס נישט שעמען און אין געגעבענעם פֿאַל, איז דאָס אויך אַ גרויסע מעלה פֿון דעם ווערק. אָבער לייענענדיק „אַ שטוב אין שטעטל“ געפֿינען מיר נישט, רעלאַטיוו גענומען, קיין איינפֿלוסן. מיר האָבן

פּאַר זיך אַ הויך טאַלענטירטן, אויספּאָרמירטן, רייפן קינסטלער, וואָס גייט זיין אייגענעם דיכטערישן וועג.

*

דער בעל־הבית פון דער „שטוב“, דער וועגן וועלכן יצחק יאַנאַ־סאָוויטש דריקט זיך אויס „דער שטילער ייד“ און „אַ ייד אַ פּשוטער“, פאַרמאָגט נישט מער ווי איין פּאָר שטיוול, „שקראַ־בעס“ אויף אַ גאַנצער וואָך און אויך אויף שבת. און אָט וואָס מיר לייענען אויף דער זייט 10 :

נאָר אויף די גראָבע שטיוול פלעגט די וואָך,
אַן אויסגעטרעטענע, אַ הפקרדיקע וויינען
און ס'פלעגט דער האַרטער זוילנסקריפּ
מיט וועלט
מיט גאָט
אין שטילן צער אַ כריפּענדיקער טענהן :
אַפילו דער סמבטיון רוט אַמאָל,
הערט אויכעט אויף צו קאָכן און צו זידן
אין דעם טאָג דעם הייליקן פון שבת,
מכל שכן — אַ פּאָר שטיוול פון אַ יידן,
אַ פּאָר אַלטע וואָכעדיקע שקראַבעס,
די איינציקע, וואָס זענען אים פאַרבליבן.
פאַרוואָס אין תורה דיינער, גאָט, האָסטו
רו פאַר אָקסן און פאַר אייזלען אָנגעשריבן,
און נאָר פאַר שטיוול יידישע קיין ביסל רו,
קיין שבת־טאָג אפילו נישט באַוואָרנט ?

יצחק יאַנאַסאָוויטשנס פערז איז ווי מיר זעען דאָ אַ „פּשוטער“, אַ טיף מענטשלעכער. און דאָ ליגט דער גרויסער כוח פון אמתער

דיכטונג. אין דער דאָזיקער פשוטקייט דערהויבט ער זיך צו אַ גע־וואַלטיקער מדרגה פון פולקאָמענהייט און אָריגינאַליטעט.

און מיט די זעלביקע פשטות, לייענען מיר אויף דער זייט 17 פאָלגנדיקע טראַגישע שורות:

פאַר פרי איז שוין די מאַמע אויפגעשטאַנען
ביין־צערייצט.
רק געקרעכצט
און רק געאָכצעט.
די קיך האָט דעמאָלט זעלטן זיך געהייצט
און נאָר זעלטענער ס'האָט אַ געקעכץ
אויף איר געקאָכט זיך.
פון דאַרן לעבל ברויט
מען האָט אַלעמען המוציאס אָנגעשניטן
און שטענדיק איז אַזוי געשען:
עס האָט די מאַמע טיילנדיק
זיך אַליין פון חשבון אויסגעמיטן.

עס קומט אָבער דער יום־טוב פסח, דער שיינער יידישער פסח; יעדע יידישע שטוב ווערט אויסגעפוצט, שיינט אויף מיט ווייסקייט און ליכט, אָבער אין „אַ שטוב אין שטעטל", דאָרט איז כסדר טרויעריק און די קינדער בלייבן אין די זעלביקע שמאַטעס, לייענען מיר אויף דער זייט 32:

נאָר שווערער ווי אין יעדן יאָר
איז אונדז געווען ביים סדר־טיש
צו זיצן אין די וואָכנדיקע שמאַטעס.
ס'האָט זיך אַזוי געוואָלט צום דאַווענען אין שול
איצט גיין ווי קינדער אַנדערע מיט זייערע טאַטעס,
און ווען דערצו אין ערשטן יום־טוב־טאָג

אַוועק די שטאָט איז אויף שפּאַצירגאַנג
פאַרביי די פענצטער אונדזערע צום וועג
וואָס פירט צום שלאָס און צו די טאָטערישע חורבות —
מיר האָבן דעמאָלט ערשט דערפילט:
מיר זענען באָרוועס.
און ווי אַ הונט מען וואַרפט אין כעס אַ שטיין,
געוואָרפן האָבן מיר דער דרויסנדיקער גאַס
אַ ברענענדיק געוויין,
אַ קלאָג, וואָס וואָלט פּאַר תשעה־באב געפּאַסט.

אַזוי זינגט יצחק יאַנאַסאָוויטש!

יעדעס וואָרט איז געמאָסטן און געוויגן, נישטאָ קיין איבעריקע זילבע, דער פערז איז אויסגעזונגען מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט, מיט אַזוי פיל פיינפילנדקן ריטם און מיר דערפילן מיט אַזוי פיל ציטער דעם „ברענענדיקן געוויין“, וואָס טראָגט זיך פון „אַ שטוב אין שטעטל“.

*

מיט יאָרן צוריק האָט זיך געטומלט מיט אַ לאָזונג, וואָס האָט געהייסן „פּראָלעטאַרישע קולטור“; אין זכות פון דער לאָזונג האָט מען פאָרגעוואָרפן עריך מאַריאַ רעמאַרקן, למאי, ער איז נישט אַרויסגעטרעטן מיט אַ דירעקטער אַנטי־מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע; אַזוי האָט מען אויך פאָרגעוואָרפן געאָרג פינקען זיין נישט אַרויסטרעטן „שאַרפער“ קעגן די רייכע און זאַטע, אַזוי איז מען אין יענע טעג אַרויסגעטרעטן קעגן פיל שרייבערס און קינסטלערס פאַרן נישט פאַרוואַנדלען זייערע ווערק אין פּאָליטישע פּראָקלאַמאַציעס און עס איז נישט אויסגעשלאָסן צו הערן אַמאָל אַזאַ פאָרוואורף אויפן חשבון פון יצחק יאַנאַסאָוויטשן, וועלכער האָט שאַפנדיק אַזאַ פּרעכטיקע פּאָעמע וועגן דער אָרעמקייט, נישט אויסגענוצט די דיכטערישע קאַנווע אויף אַרויסצוטרעטן קעגן דער אומגערעכטער

יצחק יאַנאַסאָוויטש

וועלט ; למאַי, זיין ווערק איז בלויז אַ פּאָעמע פון אַ קינסטלער און נישט פון אַן אַרויסטרעטער קעגן דער נישט יושרדיקער וועלט.

איך האַלט, אַז יצחק יאַנאַסאָוויטשס וועג פון אויסזינגען די נויט אין זיין פּאָעמע „אַ שטוב אין שטעטל“, אַן אַראָפּלאָזן זיך צו דעם, וואָס מיר רופן אָן פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע, איז דער וועג פון עכטן קינסטלער, וועלכער פאַרביליקט נישט און פאַרפלאַכט נישט די טעמע. אָן פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע, איז „אויפן מערב קיין נייעס“ סיי ווי געווען דאָס באַדייטנדיקסטע אַנטי־מיליטאַריסטישסטע בוך פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויב איך האָב פריער דערציילט וועגן דער אויפטרייסלונג, וואָס די פּאָעמע „אַ שטוב אין שטעטל“ רופט אַרויס ביים לייענען זי, איז עס דערפאַר, ווייל דער גרויסער קינסטלערישער כוח, מיט וועלכן יצחק יאַנאַסאָוויטש זינגט אויס דיליידן פון דער פאַראָרעמטער שטוב איז אַזוי שטאַרק, אַז מיר לייגן סיי ווי אַוועק דאָס בוך, רעוואָלטירט קעגן דער געזעלשאַפט פאַר איר נישט יושרדיקייט.

דאָס בוך „אַ שטוב אין שטעטל“ פון יצחק יאַנאַסאָוויטש געהערט צו די סאַמע באַדייטנדיקסטע דיכטערישע ווערק, וואָס זענען ביי אונדז דערשינען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

11

מיין חבר י. פּאַפּיערניקאָוו

מיט י. פּאַפּיערניקאָוו פֿאַרבינדן מיך אונדזערע קינדעריאָרן, וואָס זענען פֿאַרלאָפֿן אין אַ וואַרשעווער הויף, אויף דער ניזקע גאַס נומער צוועלף. עס איז איבעריק צו זאָגן ווען מיר האָבן זיך „באַ־קענט“, וואָרם מיר געדענקען זיך פֿון די סאַמע יונגסטע יאָרן, פֿאַרטאָן אין די ספּעציפֿישע שפּילערייען פֿון יידישע קינדער, אין אַמאָליקן וואַרשע.

אַז איך לייען אין י. פּאַפּיערניקאָווס ליד „ביים טאַטנס טיש“ (פֿון זיין בוך „היימוויי“) די פֿערזן :

„דער טאַטע, די מאַמע, איין שוועסטער, פֿינף ברידער.
ס'איז מיטאָג, אַכט טעלער, אַכט לעפֿל ווי רידער,
אַכט קעפּ, ווי די אַנקערס — ביי יעדן געבויגן,
פֿאַרזונקען אין זיך, מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן“,

זע איך פֿאַר מיינע אויגן די שטוב, די היים פֿון י. פּאַפּיערניקאָוון, איך זע די פּנימער פֿון זיינע פֿינף ברידער, זיין איינציקער שוועס־טער און זיינע טאַטע־מאַמע.

די שטוב פֿאַרנעמט זייער אַ גרויס אָרט אין מיינע זכרונות פֿון די קינדער־יאָרן, וואָרם איך בין דאָרט געווען זייער אַן אָפֿטער גאַסט ; ארויפֿגעקומען כמעט יעדן טאָג און אָפֿט מערערע מאָל טעגלעך.

איך בין כמעט ווי זיכער, אַז דאָס וואָרט ציוניזם האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט ביי זיי אין דער שטוב. י. פּאַפּיער־ניקאָווס פֿאָטער, אַ פֿאָלקס־ייד, איז געווען אַ הייסער ציוניסט און אין זייער וווינונג זענען געהאָנגען די פּאָרטרעטן פֿון ד"ר טעאָדאָר הערצל און נחום סאָקאָלאָוו. די פּאָרטרעטן, געדענק איך,

זענען מיר זייער געפעלן געוואָרן און זענען מיר פאַרבליבן ביז היינט אין זכרון.

שוין פון די סאַמע פריסטע יאָרן, האָט י. פּאַפּיערניקאָוו געהערט צו דער קאַטעגאָריע פאַרחלומטע קינדער; ער האָט זיך געשפּילט מיט אונדז אַלעמען, מיטגעמאַכט אַלע „אַוואַנטורעס“, וואָס מיר ייִנגלעך האָבן צוגעטראַכט, געלאָפן, זיך געשלאָגן. אָבער צווישן אים און אַלע איבעריקע קינדער איז געווען עפּעס אַ מחוצה, וואָס מיר האָבן אין אונדזער יונגקייט זיך נישט געקענט דערקלערן, אָבער אָפּגעפּילט האָבן מיר, אַז ער געהערט צו עפּעס אַן אַנדערער וועלט און די דאָזיקע וועלט, איז ווי מיר ווייסן עס איצט, געווען די וועלט פון דיכטונג, אויף וועלכער ער איז גאַנץ יונג אַרויף.

איך ווייס נישט צי י. פּאַפּיערניקאָוו געדענקט עס, אָבער מיר דוכט זיך, אַז איך געדענק פון זיינע כמעט ערשטע פּערזן, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן: איינמאָל האָבן מיר ביידע זיך געפינען אין הויף אויף דער וואָלינסקע גאַס נומער צוויי און געוואַרט אויפן אַראָפּקומען פון אונדזער חבר קאָפּל דוואַ, וואָס האָט דאָרט געוווינט, וועלכער האָט זיך שפּעטער באַקאַנט געמאַכט מיט זיינע אַרבעטן אין דער „גראָשן־ביבליאָטעק“. י. פּאַפּיערניקאָוו נעמט אַרויס אַ העפט פון טאַש און לייענט מיר פאָר „אַ ליד, וואָס איך האָב אָנגעשריבן“; די ערשטע צוויי פערזן זענען מיר ביז היינט פאַרבליבן אין זכרון:

„דו פרעגסט מיך, וואָס איז עס מיין פּנים פאַרצאָרנט ?
וואָס טריפט עס אוים גיפט אויף דער וועלט ?“

דאָס זענען געווען די ערשטע שורות, וואָס איך האָב פון אים געהערט, פערזן, וואָס כ'האַלט, אַז דאָס איז געווען כמעט, זיין אָנהויב.

מיט אַ צייט צוריק האָט י. פּאַפּיערניקאָוו פאַרעפנטלעכט זכרונות פון זיינע קינדער־יאָרן און אין דער „נייוועלט“ (תל־אָביב) איז דערשינען אַ פראַגמענט א״נ „צוליב אַ קריי“, אין וועלכן ער דערציילט, ווי נאָך אַלס ייִנגעלעך, האָבן מיר ביידע זיך צעשלאָגן, ווייל איך האָב אים קאָנקורירט אין נאָכמאַכן דאָס קרייען פון הענער, אויף וואָס ער איז טאַקע געווען אַ מזיק...

אָבער י. פּאַפּיערניקאָוו האָט זיך טועה געווען מיטן דערציילן די מעשה. אמת איז, אַז מיר האָבן זיך געשלאָגן — און גוט געשלאָגן. אָבער די סיבה פון אונדזער געשלעג איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע

י. פּאַפּיערניקאָוו

און עס איז ווערט זי זאָל דערציילט ווערן, ווייל זי איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַר די „טראַדיציעס“, וואָס האָבן דאַן אָנגעהאַלטן אין די וואַרשעווער הייף צווישן די יידישע קינדער; דאָס איז געווען אין די יאָרן פון 1907—1908.

אין דעם הויף, וווּ מיר האָבן געוווינט, האָט יעדעס ייִנגל געוווּסט ווער פון וועמען עס איז שטאַרקער צי שוואַכער. איינמאָל, שפּילנדיק זיך, האָבן אונדזערע חברים זיך אַרומגעזען, אַז... מען ווייסט נישט ווער פון אונדז ביידע איז שטאַרקער — און זיי האָבן פון אונדז געפאָדערט קלאָר מאַכן די זאַך... איך אַליין האָב געהאַלטן, אַז י. פּאַפּיערניקאָוו איז שטאַרקער פון מיר, ווייל... ער איז געלאָפן שנעלער פון מיר. נאָר וויפיל מיר האָבן נישט פּראָטעסטירט קעגן אָנוואַרפן אונדז מלחמה, האָט עס גאָרנישט געהאָלפן און, אַז „קהל“ האָט באַשלאָסן, האָבן מיר זיך גאָרנישט געקענט העלפן נאָר אונ־טערוואַרפן זיך... האָבן מיר פאַרקאַטשעט די אַרבל, און אַרומ־גערינגלט פון אַ מאַסע ייִנגלעך פון הויף, זיך געוואָרפן אויף אייננאַנ־דער...

דער סוף פון דער מעשה?

ווער וועמען האָט אָנגעהרגעט?

איך קען נאָר פאַרזיכערן, אַז אַ דיכטער איז י. פּאַפּיערניקאָוו אַ סך, אַ סך אַ בעסערער און אַ שטאַרקערער — ווי אַ שלעגער.

דאָס איז געווען די ריכטיקע סיבה פון אונדזער צעשלאָגן זיך.

12

דער קינסטלער בען

צווישן די פיל יידישע קינסטלער, וואָס לעבן און שאַפן אין פּאַריז, פאַרנעמט אַ גאַנץ ספּעציעל אָרט, דער מאָלער בנציון ראַבינאָוויטש, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען ב ע ן.

דער קינסטלער בען איז געבוירן אין ביאַליסטאָק. זיין פאָטער איז געווען אַן אַרכיטעקט און אַ ליבהאָבער פון קונסט. פון די סאַמע פריסטע יאָרן אָן, האָט דער יונגער בען זיך געזען אַרומגערינגלט מיט ביכער, מיט בילדער, מיט קונסט־אַנטיקן, און געהערט רעדן אין זיין היים, וועגן ליטעראַטור און קונסט־פּראָבלעמען. ער האָט געלעבט אין אַן אַטמאָספערע, ווי אַלץ האָט געאָטעמט מיט אַ דראַנג צו אַ שענער און גייסטיק־העכער לעבן. איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס זייענדיק אַליין אַ געבוירענער קינסטלער, הויבט ער אָן צו דרייצן יאָר, צייכענען און מאָלן.

*

ווי יעדער אָנפאַנגער, מאָלט בען אין דעם גייסט וואָס איז דעמאָלט געווען מאָדיש אין דער פּלאַסטישער קונסט; עס איז דאַן געווען די גאָלדענע צייט פון קוביזם, וואָס האָט פאַרכאַפּט די אויבן־אָן־פּאָזיציע, און אין די ערשטע אַרבעטן זיינע, פאַרנעמט די דערמאָנטע פאָרם, דאָס וויכטיקסטע אָרט.

אָבער טראָץ דעם וואָס דער יונגער בען מאָלט אונטער דעם איינפלוס פון זיין צייט, צייכענען זיך שוין דעמאָלט אויס זיינע ווערק, מיט אַ געוואַלטיקער דרייסטקייט; ווען מען באַטראַכט די רעפּראָדוקציעס פון בען׳ס דעמאָלטיקער מאָלעריי, פאַלט אויף קיין פאַל נישט איין, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן אָנפאַנגער; זיינע יוגנט־

ווערק רעדן צו אונדז מיט אַ כּוח, ווי ווערק געמאָלט דורך אַ קינסטלער, וואָס האָט הינטער זיך מערערע יאָרן פון אַרבעט.

און בעֵן איז דאַן אַלט געווען 15=16 יאָר.

*

אין יאָר 1927 אָרדנט איין דער יידישער ליטעראַטן=פּאַריין פון ביאַליסטאָק בעֵנ׳ס ערשטע אויסשטעלונג. דער יונגער קינסטלער, דאַן 22 יאָר אַלט, שטעלט דעמאָלט אויס גאַנצע 170 ווערק; אייל=בילדער, אַקוואַרעלן, צייכענונגען און גראַווירן. דאַן באַווייזן זיך די ערשטע אַרטיקלען וועגן יונגן מאָלער, וואָס ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט.

אַ יאָר שפּעטער, אין 1928 בעת בעֵן באַטייליקט זיך אין אַ גרע=סערער אויסשטעלונג, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע קינסטלער, שרייבט דער באַרימטער אַנטיסעמיטישער „קוריער וואַרשאַווסקי“ וועגן „געלונגענע קוביסטישע ווערק פון ראַבינאָוויטשן“.

*

דער טומל פון די מאָדערניסטן און „כאַליאַסטרעניקעס“, נאָך דער ערשטער וועלט=מלחמה, הויבט זיך אָן שטילן און אויסוועפּן. בעֵן, וואָס אַרבעט איבער זיך אומדערמידלעך, הויבט זיך אָן צו באַפרייען פון די מאָדע=איינפלוסן, און מיט דער מאָס ווי ער גייט אָן מיט זיין מאָלערישער אַקטיוויטעט, אַלץ ברייטער עפענען זיך פאַר אים די קינסטלערישע האָריזאָנטן. ער ווערט פון מאָל צו מאָל, אַלץ מער דער בעל בית איבער זיין קונסט; פאַרנעמט אַלץ מער די מיסטעריע פון פאַרבן, דערהערט אַלץ מער זיין אייגענע קינסטלערישע שטים, און ווערט אַלץ געטרייער זיין אייגענעם איך, זיין אייגענער אינערלעכער וועלט, וועלכע דערפירט אים צו דער מדרגה, אַז אין יאָר 1939 זאָל דער באַרימטער פראַנצויזישער קונסט=קריטיקער זשאַן קאַסו, וועגן אים זאָגן:

„איך בין טיף איבערצייגט, אַז דער עמפּפינדלעכער און אייגנ=

בען
(אויטאָפּאָרטרעט)

אַרטיקער אַרטיסט, וועט פֿאַרשאַפֿן דעם גרעסטן כבוד דער פראַנצויזישער קונסט".

*

זינט 1930 געפינט זיך בען אין פּאַריז, ווו ער האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אַלס בן ציון ראַבינאָוויטש, אָבער אין יאָר 1932, זיך אָנגעהויבן אונטערשרייבן בען, און אונטער דעם נאָמען, זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן אויבן אָן, ווי איינער פון די אָריגינעלסטע און אייראָפּעאישסטע מאָלער.

בען האָט ווי וויניק זיינס גלייכן, דערפילט דעם רחבותדיקן אָטעם פון פּאַריז, אים אַסימילירט אין זיין פּסיכיק, אין זיין בלוט, און גיט עס אָפּ אויף זיינע לייוונטן מיט אַ סך שעפערישן כוח.

אַז מען באַטראַכט בענס פּייזאַזשען, זיינע שטיל-לעבנס, זיינע פּאָרטרעטן, זיינע פֿאַרשידנאַרטיקע קאָמפּאַזיציע, וואָס עטעמען מיט אַזוי פּיל עלעגאַנץ, וועט קיינמאָל נישט איינפאַלן, אַז דער קינסטלער פון די אַלע ווערק, שטאַמט פון דער קליינער שטאָט ביאַליסטאָק.

בען פֿאַרלירט נישט זיין טאָג מיט רעדן וועגן קונסט, בען איז איבערהויפּט נישט קיין רעדער; רעדן וועגן זיין קונסט, איז אים זייער שווער, עס איז אים אַ סך לייכטער צו לעבן אין זיין קונסט, און בען אַרבעט פּיל, זייער פּיל, פון דער פרי ביז נאַכט, און אַזוי יעדן טאָג, טאָג נאָך טאָג, און וואָס מער ער אַרבעט, מער מייסטער דערפילט ער זיך, מער מערקווירדיקער, און מער פּאָלקאָמער ווערן זיינע ווערק.

בענ'ס פּייזאַזשן עטעמען מיט אַן אייגענער מערקווירדיקער וועלט, אייגענע קאָלירן און אַן אייגן שווייגן. פּיל פון זיינע פּייזאַזשן, זענען ווי אונטער אַ דורכזיכטיקער וואַל. זיי זענען אי יאָ און נישט רעאַל. ס'איז די וועלט, איבערגעטראָגן אין עפּעס אַן אַנדערער וועלט. עס זענען פּייזאַזשן וואָס זינגען, ס'איז דיכטונג אין פאַרבן.

בען מאָלט פּאָרטרעטן; וואָס פאַראַ מערקווירדיקע וועלט זיי שטעלן מיט זיך פאָר: דאָס זענען געזיכטער וועלכע מיר קענען, און דאָך ווערן זיי אונדז צוגעטראָגן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. בען איז

15

לעוו טאָלסטוי

1

איך ווייס נישט פון קיין זאַך וואָס זאָל מיר פאַרשאַפן אַ גרעסערע גייסטיקע צופרידנקייט, ווי דאָס לייענען וועגן לעבן און קאַמף וואָס ל. ג. טאָלסטוי האָט געפירט מיט דער גאַנצער וועלט, און מיט זיך אַליין.

זאָל זיין אַז אים פערזענלעך, איז נישט געלונגען צו פירן אַזאַ לעבן ווי ער האָט געוואָלט, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט, אָבער אין זיינע אָנשטרענגונגען צו לעבן ערלעך, אין זיין אָנשטרענגונג צו באַקעמפן אין זיך די שלעכטע ירושה, איז ער פאַרבליבן כמעט איינציק אין דער געשיכטע.

כדי צו האָבן אַ שטיקל באַגריף וועגן זיינע ליידן, איז וויכטיק צו ציטירן זיינם אַ בריוו, געשריבן אומגעפער אין יאָר 1880, אין וועלכן מיר לייענען, צווישן אַנדערס, פאָלגנדיקע שורות:

> „אַלע מיינע פריערדיקע פריידן, האָב איך אָנגעווירן. אַלע מיינע דערפאָלגן אין לעבן, רייכקייט, כבוד, רום, האָב איך שוין נישט. מיינע פריינד, אפילו קרובים, קערן זיך פון מיר אָפּ; אַ טייל, ליבעראַלן און עסטעטן, האַלטן מיך פאַר משוגע און גייסטיק שוואַכן ווי גאָגאָל; אנדערע, רעוואָלוציאָנערן, ראַדיקאַלן, האַלטן מיך פאַר אַ מיסטיקער און פּלוידערער; רעגירונגס־לייט האַלטן מיך פאַר אַ שעדלעכן רעוואָלוציאָנער; פּראַוואָסלאַווגע, האַלטן מיך פאַר אַ טייוול. כ'בין מיך מודה אַז דאָס איז מיר שווער, נישט דערפאַר וואָס עס טוט וויי, נאָר שווער דערפאַר, וואָס עס ווערט געשטערט דאָס, וואָס איז דער עיקר־ציל און גליק

פון מיין לעבן, די ליבשאַפט־פאַרהעלטענישן מיט מענטשן. עס איז שווער ווען יעדער פאַלט אויף דיר אָן מיט בייזקייט און פאַר־וואָרף.״

די ציטירטע שורות דערציילן גענוג קלאָר, וועגן דעם ליידנס־וועג פון טאָלסטויען, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען פרייוויליק כדי צו פּרובירן לעבן אין גוטסקייט און אין ערלעכקייט.

*

ווינענדיק אַ באַשטימטע צייט אין מאָסקווע, פלעגט טאָלסטוי אָפט באַזוכן אַ געוויסע שוויץ־באָד; איינמאָל, זיצנדיק דאָרט אויף דער הויכער באַנק, אין אַ קרייז באַקאַנטע, איז אַנטשטאַנען אַ שמועס וועגן היינטיקן לעבן; טאָלסטוי איז אויף דאָס ניי אָנגעפאַלן אויף דער שלעכטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, פאַלשער ציווי־ליזאַציע, מאַשינען־קולטור, מלחמות א. א. וו.

אַן אינזשעניער, באַדעקט מיט שווייס, פרעגט אים דאַן:

— נו גוט, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, לאָמיר אָננעמען אַז מיר וועלן אָפּשאַפן די היינטיקע ציוויליזאַציע, איז וואָס זשע גיט איר אונדז אויף איר אָרט?

און טאָלסטוי ענטפערט:

— שטעלט אייך פאָר, מיין פריינד, איך גיב אימעצן אַן עצה, זיך אויסצוהיילן פון אַ שלעכטער קרענק, און יענער, פרעגט מיך: „וואָס זשע וועט איר מיר געבן אויפן אָרט פון מיין סיפיליס?״.

*

זייער אינטערעסאַנט איז דער פאַל, וואָס עס דערציילט דער פאַרשטאָרבענער סקולפּטאָר נחום אַראָנסאָן, וואָס האָט אין דער יוגנט, זיך אויפגעהאַלטן אַ שטיקל צייט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. און געווען אַן אייגענער מענטש אין דער פאַמיליע טאָלסטוי, אָט וואָס מיר לייענען ביי אים:

„איינמאָל האָבן מיר אַזוי אַרומשפּאַצירנדיק, אָנגעטראָפן אַן

אָפיציר, וואָס איז געגאַנגען צו טאָלסטויען, און זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן דערויף, ווי מיאוס דאָס מיליטערישע לעבן איז, וואָס פאַראַ גנבות עס קומען דאָ פאָר, וואָס פאַראַ אומגעזעצלעכקייטן, ווי אוממאָראַליש די גאַנצע סביבה איז פון אויבן ביז אונטן. ער האָט געפרעגט טאָלסטויען, צי זאָל ער ווייטער בלייבן אין דער אַרמעע, אָדער אַוועקלייגן די כלי־זין. „בלייבט“! — האָט טאָלסטוי געזאָגט. דער אָפיציר איז אַוועק אַ צעמישטער. „ווי איז די עצה צו פאַרשטיין?“ — האָב איך געפרעגט, טאָלסטוי האָט געענטוערט: „ער איז נאָך נישט רייף פאַר דער מאָראַלישער באַפרייאונג. וואָלט עס געווען אַנדערש, וואָלט ער אַליין אָנגענומען דעם נויטיקן באַשלוס. זאָל ער דאָרט בלייבן, און ווען דער כוס וועט זיין פול, וועט ער שוין געפינען דעם ריכטיקן וועג“. *

טראָץ טאָלסטויס קעגנערשאַפט צו דער אַרמעי, ווי צו אַ גרויס שלעכטס, האָט ער נישט געקענט עצה'נען דעם אָפיציר צו פאַרלאָזן דאָס מיליטער; ער האָט געזוכט אַז איטלעכער שריט פון אַ מענטשן, זאָל אַרויסקומען פון זיין אייגענער אינערלעכער רייפקייט, וואָרם נאָר דעמאָלט איז דער שריט אַ זיכערער. זאָל דאָ טאַקע דערמאָנט ווערן, אַז טאָלסטוי האָט נישט געהאַלטן, אַז דער מענטש וועט אָנהויבן האַנדלען גוט, ערשט נאָך דעם, ווי מען וועט האָבן געענדערט די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, ווי עס באַהויפט עס די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע וועלט; ער האָט געהאַלטן, אַז עס דאַרף אָנגעהויבן ווערן פון דעם מענטשן גופא, אַז דער יחיד דאַרף אַליין אויפהערן מיטמאַכן דאָס שלעכטע און נישט גערעכטע, וועט דאָס פראָבלעם זיין געלעזט. (ל. נ. טאָלסטוי. „דאָס אַרבעטער פאָלק“.)

צו דעם נאָר וואָס דערציילטן פאַל מיטן מיליטער־מאַן, וואָס ווייזט אונדז דעם וועג מיט וועלכן טאָלסטוי איז געגאַנגען, איז וויכטיק אַרויסצוברענגען נאָך אַזאַ ענלעכן פאַל, וואָס מאַכט בולטער די פערזענלעכקייט זיינע; פונקט ווי דער דערמאָנטער אָפיציר, וואָס האָט זיך געווענדעט צו אים מיט זיין „וואָס טאָן?“, אַזוי האָט

---

* „דאָס פרייע וואָרט“ לאָנדאָן, 13טער אַפריל 1934. רעדאַקציע י. נ. שטיינבערג.

זיך צו טאָלסטויען אַמאָל געווענדעט אַ יונגער אַמעריקאַנער, וויליאַם קלענגוד וואָס האָט אומגעריכט געירשנט אַ מיליאָן פראַנק, און געבעטן אַן עצה, וואָס טאָן מיטן געלט; זיך האָט ער געהאַט בדעה איבערלאָזן 50 טויזנט פר. כדי צו קענען פאַרענדיקן זיין בילדונג, און דאָס איבעריקע, די 950 טויזנט פר. האָט ער געוואָלט אַוועקגעבן, אָבער וועמען, און ווי אַזוי? „טיילן גאָלדשטיקלעך, — האָט דער יונגער אַמעריקאַנער געשריבן צו טאָלסטויען, — איז נישט שיין און נישט נוצלעך, עס דאַרף דאָך אָבער פאָרט זיין אַן אופן, וויאַזוי איבערצוגעבן דעם קליינעם קאַפּיטאַל אין הענט פון אַרבעטס־מענטשן, אַז זיי זאָלן אַרבעטנדיק, האָבן פון אים אַ נוצן“.

דאָס אָפּזאָגן זיך פון געלט, האָט טאָלסטוי איינגעפינען פאַר גוט, אָבער פילנדיק אַ געוויסע נישט זיכערקייט אין דער רייפקייט פון דעם יונגען אַמעריקאַנער, האָט ער אים געראַטן:

„אַריינלעגן דאָס געלט אין אַ וועלכער עס איז באַנק, מיט אַ באַדינג עס נישט צו קענען צוריק אַרויסנעמען פאַר 15 אָדער צוואַנציק יאָר. אין צוואַנציק יאָר אַרום, וועט איר שוין האָבן אַ שטיקל לעבנס דערפאַרונג, כדי צו קענען באַשטימען, צי קען דאָס געלט ברענגען מיט זיך עפּעס גוטס, און איר וועט דאַן האַנדלען, ווי די לעבנס דערפאַרונג וועט אייך ווייזן“. *

דער נאָר וואָס דערציילטער פאַל, פונקט ווי מיטן מיליטער־מאַן, ווייזט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס טאָלסטוי האָט אָפּגעפילט אין אַזעלכע מאָמענטן און זיין נישט וועלן אויסנוצן שטימונגען ביי מענטשן, אַפילו לטובות אַ גוטן צוועק. דער עיקר וואָס ער האָט געזוכט אין אַזעלכע מאָמענטן ביים מענטשן, איז אייגענע רייפע האַנדלונגען.

איך קום איצט צו אַ פאַל, צו אַ באַשטימטער האַנדלונג פון טאָלסטויען, וואָס האָט ביי מיר, ביים לייענען וועגן דעם, אַרויסגערופן נישט נאָר אַ שטוינונג, נאָר מיר איז אויך קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס

---

* ל. נ. טאָלסטוי. אַלע ווערק, רעדאַקציע וו. ג. טשערטקאָוו, ערשטע סעריע־בריוו, 72סטער באַנד. מלוכה־פאַרלאַג. מאָסקווע 1933. זייט 630.

ל. נ. טאָלסטוי ביים שרייבן.
(צייכענונג פון י. ריעפּין)

פיל מענטשן האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף טאָלסטויען ווי אויף אַ הייליקן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1892, רוסלאַנד האָט דאַן אַדורכגעמאַכט אַ גרויסן הונגער, און טאָלסטוי האָט זיך פאַרנומען מיט העלפן די הונגער־לײדנדיקע; ער האָט דאַן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף וועגן הילף, וואָס האָט אַריינגעברענגט אַ סך געלט, און עס האָבן זיך אָפּגערופן פיל מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטעלט צו דער הילפסאַרבעט. אַ דאַנק טאָלסטויס באַמיאונגען, זענען אויפגעעפנט געוואָרן אַרום צוויי הונדערט פונקטן, ווו מען האָט דערנערט די הונגעריקע; ער פלעגט אַרומפאָרן אין גרעסטע פרעסט איבער די פון הונגער געטראָפענע גובערניעס (פּראָווינצן) און זיך אָנגעשטרענגט ביז די די לעצטע כוחות.

דאָס געלט וואָס מען פלעגט צושיקן, איז אָבער, אין פאַרגלייך צו דער נויט, געווען ווי אַ טראָפּן אין ים. אַלעמען העלפן האָט מען נישט געקענט, און מען האָט געמוזט קלויבן צווישן די געליטענע.

איינמאָל, אָנקומענדיק אין אַ געוויסן דאָרף, האָבן אויף טאָלסטויען, ווי דעם פאָרזיצנדן פון דעם הילפס־קאָמיטעט, געוואַרט אַ גרופּע פּויערים און פּויערטעס, מיט ביטעס „צום גראַף“ וועגן הילף, און בעת מען האָט צוגעפירט צו אים איינע פון די פּויערטעס, איז יענע געפאַלן פאַר טאָלסטויען אויף אירע קני, און אָנגעהויבן אויסדערציילן איר ביטע.

— שטעל דיך אויף! — האָט טאָלסטוי געשריגן צו דער פּויערטע, נאָר זעענדיק אַז עס איז נישט מעגלעך צו ווירקן אויף איר, זי זאָל עס טאָן, האָט טאָלסטוי, צו אַלעמענס איבעראַשונג, זיך אויך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, זאָגנדיק צו איר:

— נו, וועלן מיר רעדן אַזוי, דערצייל וואָס דו דאַרפסט.

די פּויערטע איז געווען אַזוי צעטראָגן פון זעען דעם „גראַף“ אויף די קני, אַז זי האָט לאַנג נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. *

---

* „קלייניקייטן וועגן טאָלסטויען“ פון וו. צינגער. „פּאָסלעדניאַ נאָוואָסטי“, פּאַריז 21סטער יוני 1935.

*

פרילינג=צייט 1908.

איבער רוסלאַנד האָט זיך אויף דאָס ניי דורכגעטראָגן אַ כוואַליע פון רעגירונגס=טעראָר. יעדן טאָג האָבן די צייטונגען מיטגעטיילט וועגן אויסגעפירטע טויט=אורטיילן איבער פויערים, און טאָלסטוי האָט פאַרלוירן זיין רו. יעדן טאָג פלעגט ער מיט שרעק אויפעפענען די צייטונגען.

— ווידער זיבן טויט=אורטיילן, פלעגט ער רעדן צו די אָנוועזנדיקע, ביים אַריינקומען אין צימער, — מען קען דאָך נישט לעבן רואיק מיטן באַוווסטזיין, אַז דאָס אַלץ געשעט, שרייען, שרייען דאַרף מען! ווער האָט זיי געגעבן דאָס רעכט אָפּצונעמען ביי אַ מענטשן דאס לעבן? ווי קען מען דאָס אָפּנעמען ביי אַ פאַרברעכער די מעגלעכקייט צו באַדויערן זיין האַנדלונג?

פון ערגעץ ווו, האָט מען טאָלסטויען, אויף אַ באַהאַלטענעם אופן, צוגעשיקט אַ פאָטאָגראַפיע, פון אַן אויסגעפירטן טויט=אורטייל דורך הענגען, ער האָט אויפגעהערט רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

איין טאָג האָט ער ווידער געלייענט: „היינט דעם ניינטן מאַי, זענען אין כערסאָן געהאָנגען געוואָרן צוואַנציק פויערים, פאַר אַ רויבערישן אָנפאַל אויף אַ גוט, אין עליסאַוועטער אויעזד". און טאָלסטוי איז צוגעטרעטן שרייבן זיין „איך קען נישט שווייגן".

וועגן דעם לייענען מיר ביי זיין טאָכטער אַלעקסאַנדראַ:

„דער טאַטע האָט שוין לאַנג אַזוי נישט געאַרבעט. פון די ערשטע טעג אָן, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין „איך קען נישט שווייגן", האָבן מיר אַלע געפילט, אַז פון אונטער זיין פעדער וואַקסט אַרויס עפּעס, וואָס איז ריזיק=גרויס; ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעביטן, געוואָרן מונטערער, זיכערע, ווי אַ מענטש וואָס גייט אַריבער פון פּאַסיווער באַאָבאַכטונג צום קאַמף. ער האָט געשריבן יעדן טאָג, מיט גרויסע ברייטע שטריכן, אַזוי ווי ער פלעגט, געוועגטלעך, שרייבן קונסט=ווערק, און ער האָט אָפּגעטעמט לייכטער ווען ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס לעצטע פּינטעלע".

דער רושם וואָס דאָס דאָזיקע אַרטיקל האָט געמאַכט, איז באַוווּסט.

דער צופּלוס פון בריוו קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָט זיך פאַרגרעסערט, פון פאַרשידענע זייטן זענען אָנגעקומען אַנטציקונגס־בריוו, עס זענען אָבער אויך געווען בריוו מיט זידלערייען: מיט די פּאָסט־זאַכן איז אָנגעקומען אַ קליין קעסטעלע; אינעווייניק איז געלעגן אַ דיקע שטריק, און אַ בריוועלע מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„גראַף! כדי נישט צו באַמיען אונדזער רעגירונג, קענט איר דאָס אַליין טאָן, (זיך אויפהענגען), ס'איז נישט שווער... איר וועט דערמיט אַ טובה טאָן אונדזער פאָטערלאַנד און אונדזער יוגנט. — אַ רוסישע מוטער".

טאָלסטויען איז געווען שווער אויפן האַרצן.

— עס איז ביטער אַרויסצורופן אַזעלכע שלעכטע געפילן ביי מענטשן, — האָט ער געזאָגט, און געשריבן צו דער פרוי:

„איך באַדויער זייער וואָס איך האָב אָן וועלכן עס איז ווילן, אַרויסגערופן, ביי אייך, — און אפשר אויך קעגן אייער ווילן, — אַזעלכע געפילן וואָס איך האָב געלייענט אין אייער בריוו. איר וועט מיך זייער דערפרייען, אויב איר וועט מיר דערקלערן די סיבה פון אייער שלעכט געפיל, און זיך באַמיען עס איינצושטילן אין זיך. איך האָב מורא אַז איר וועט דאָס האַלטן פאַר אַ פוסט וואָרט, נאָר איך זאָג עס אייך זייער אויפריכטיק. — דער וואָס פילט אייך מיט, לעוו טאָלסטוי."

אַזוי האָט געלעבט, אַזוי האָט געהאַנדלט, אַזוי האָט אָפּגעפּילט און אזוי האָט געליטן ל. ג. טאָלסטוי, און זיין רום איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און זיין פּערזאָן איז נאָך ביים לעבן זיינעם, געוואָרן הייליק פאַר אַ וועלט מענטשן, וואָס האָבן געשטראָמט צו אים פון נאָענט און פון ווייט, זיך צוגעהערט צו יעדן זיין וואָרט, און געזוכט ביי אים אַן ענטפער אויף דער פראַגע: „אין וואָס באַשטייט גליק“. לאַנגזאַם איז געבוירן געוואָרן אַ געוואַלטיקע ליטעראַטור וועגן דעם יאַסנעפּאָליאַנער זקן, וועגן זיין לעבן און שאַפן, וועגן זיין פירונג, וועגן יעדן וואָרט זיינעם וואָס ער האָט געשריבן און געזאָגט.

און עס האָבן וועגן אים געשריבן אַ חוץ די קריטיקער, זיין פרוי, און כמעט, אַלע זיינע קינדער, און אַלע זיינע פריינד, און אַלע אַריינקומער צו אים אין שטוב, און איטלעכער וואָס האָט מיט אים גערעדט, און איטלעכער כמעט, וואָס האָט אים געזען... אַ טייל פון די עדות זענען געווען ביז גאָר ערלעך אין זייערע באַשרייבונגען, געווען אָבער אויך אַזעלכע אַריינקומער צו טאָלסטויען, וואָס האָבן אין זייערע זכרונות, דערציילט זאַכן וואָס זיי גופא האָבן נישט בייגעווינט און נישט געזעען, נאָר וועגן דעם געהערט, און יעדער האָט קאָמענטירט דאָס געזעענע און דאָס געהערטע, אויף זיין אופן, דערנאָך האָבן אַנדערע, אויף דעם סמך פון דער אויסגעוואַקסענער עדות־ליטעראַטור, געמאַכט זייער אייגענע קאָמענטאַרן, ביז עס איז, אין רעזולטאַט פון „געזאָגט און גערעדט“, דערגאַנגען צו אַ געוואַלטיקער פאַרטונקעלונג פון אמת וועגן דער פּערזאָן פון טאָלסטויען. מען שרייבט און מען דערציילט וועגן דעם גרויסן מענטשן אַ סך נישט געשטויגענע מעשיות, און פיל מאָל, ווערן די

מעשיות דערציילט גראָד דורך באַרימטע מענטשן, און גרויסע נעמען, האָט מען דאָך אוודאי נישט קיין סיבה זיי נישט צו גלויבן, און דער פלאָנטער וואַקסט.

איינער פון די וואָס האָט אָפּט געשריבן וועגן טאָלסטויען, און דערציילט וועגן אים פאַרשידענע אינטערעסאַנטע זאַכן, איז געווען דער באַרימטער רוסישער שרייבער קופּרין, דער מחבר פון „פּאָיעדינאָק“ (דער דועל), „יאמא“ (דער גריב) א. א. ווערק. דער שרייבער איז מיט אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק, נאָך געווען זייער פּאָפּולער, און צו זיינע רייד האָט מען זיך באַצויגן גענוג ערנסט, אַזוי האָט מען זיך באַצויגן גענוג ערנסט צו דעם וואָס ער האָט דערציילט וועגן טאָלסטויען.

האַלט איך פאַר וויכטיק, מיר זאָלן קודם כל אויפקלערן דעם שייכות פון קופּרינען צו טאָלסטויען: אויב קופּרין דערציילט פאַרשידענע געשיכטעס, מיינונגען, האַנדלונגען און אפילו רייד פון טאָלסטויען, פון וואַנען האָט ער זיי גענומען? דאָס איז אַ פראַגע פון גאָר גרויסער וויכטיקייט, וואָס זענען נוגע פיל אַזעלכע שרייבער און דערציילער וועגן דעם יאַסנעפּאָליאַנער זקן. ערשט נאָכן אויפקלערן די פראַגע, וועלן מיר קענען וויסן ווי אַזוי זיך צו באַציען צו די קופּרינישע דערציילונגען. זאָל זשע דאָ דערציילט ווערן, אַז א. י. קופּרין, האָט נאָר איין און איינציק מאָל אין זיין לעבן געזעען טאָלסטויען; דאָס איז געווען, לויט קופּרינס רייד, אין יאָר 1904 אויף אַ שיף; זיי זענען געפאָרן אויף דער זעלבער שיף אינגאַנצן אַ האַלבע שעה, און גערעדט האָט מיט אים טאָלסטוי, נאָר פינף מינוט, און מיט די פינף מינוט, שעפּט זיך אויס קופּרינס באַגעגעניש מיט טאָלסטויען, וועגן דעם דערציילט קופּרין אַליין אין זיינס אַן אַרטיקל א. ג. „צו גאַסט ביי טאָלסטויען“, אין פּאַריזער זשורנאַל „אילוסטראָוואַננאַיאַ ראָסיאַ“ נ. 36 (173) פון ערשטן סעפּטעמבער 1928.

א. י. קופּרין דערציילט אפילו, אַז דאָס זאָל טאָלסטוי אַליין, וואָס האָט זיך דערוויסט, אַז קופּרין געפינט זיך אויף דער שיף, האָבן אויסגעדרוקט דעם ווילן אים צו באַקענען, און אַז טאָלסטוי און זיין פרוי, האָבן אים איינגעלאַדן צו קומען צו זיי אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און קופּרין דערציילט אַז ער האָט זיך קיינמאָל „נישט דערצידירט אויסנוצן די איינלאַדונג, צו געוואַלטיק־אויפטרייסלענדיק איז גע=

ווען דער איינדרוק פון פינף־מינוטיקן נישט באַדייטנדיקן שמועס מיט טאָלסטויען".

שוין די פּאָר ווערטער, רופן אַרויס אַ שטוינונג און אן אומצוטרוי צי די רייד פון א. י. קופּרינען; דער שמועס, דערציילט ער האָט געדויערט אינגאַנצן פינף מינוט, און געווען איז עס אַ „נישט באַדייטנדיקער שמועס", וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ „צו געוואַלטיק אויפטרייסלענדיקן איינדרוק" !

ניין, די שורות דערוועקן אינגאַנצן נישט קיין צוטרוי.

מיר קענען פאַרשטיין, און ווייסן עס אויך פון אַ סך מענטשן, וואָס האָבן דערציילט וועגן זייער געשפּאַנטקייט און אויפרעגונג ערב אַ פאָרשטייענדיקער באַגעגעניש מיט טאָלסטויען, וואָס איז אָבער גלייך פאַרשוווּנדן, ביי די ערשטע ווערטער־אויסטוישונג מיט אים צוליב זיין אויסערגעוויינלעכער פריינדלעכקייט און פּשטות; כדי זיך צו קענען גוט קלאָר מאַכן אונדזער באַציאונג צו קופּרינס רייד, איז זייער וויכטיק דאָ צו דערציילן וועגן אַ צווייטער באַגעגעניש מיט טאָלסטויען, וואָס ווערט דערציילט אין זעלבן זשורנאַל „אילוסטראָוואַננאַיאַ ראָסיאַ", אין וועלכן קופּרין דערציילט די פריער ציטירטע און נאָכקומענדיקע געשיכטן; דאָס איז אַ באַגעגעניש פון דעם באַרימטן רוסישן אַדוואָקאַט און דיפּלאָמאַט וו. א. מאַקלאַקאָוו, אַ נאָמען וואָס איז אין צאַרישן רוסלאַנד, געווען זייער באַקאַנט.

אָט וואָס מאַקלאַקאָוו דערציילט: אַלס יונגער סטודענט, האָט ער איינמאָל געטראָפן טאָלסטויען אויף א מאָסקווער גאַס, אים דערקענט און „אים נאָכגעגאַנגען, און מקנא געווען די וואָס האָבן מיט אים גערעדט"; שפּעטער אין יאָר 1892, בעתן גרויסן הונגער אין רוסלאַנד, וועגן וועלכן מיר איז שוין אויסגעקומען פריער צו דערמאָנען, האָט מאַקלאַקאָוו גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער הילפס־אַרבעט, און בעת טאָלסטוי איז אין דער זעלבער צייט געקומען קיין מאָסקווע אויף אייניקע טעג, האָט מען דעם יונגען מאַקלאַקאָוו, מיטגענומען צו טאָלסטויען אין שטוב אַריין, און אָט וואָס מיר לייענען ביי אים :

„איך געדענק דאָס אָפּוואַרטן און די אומרואיקייט, ווען מען האָט אונדז געפירט דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר צו אים אין קאַבינעט; דאָס גליק און די פאַרלעגנהייט, אַז איך וועל אים באַלד

זען; ווען טאָלסטוי האָט זיך פריינדלעך אויפגעהויבן פון טיש, אונדז אַנטקעגן געגאַנגען, ליבלעך מיר געזאָגט אַז ער איז צופרידן מיט מיר זיך צו באַקענען, האָט ער זיך מיר אויסגעוויזן אַ סך עלטער און מידער, ווי כ'האָב אים געזען אַמאָל אויף דער גאַס. דער קאַבינעט איז געווען פיל מיט מענטשן. דער שמועס איז נישט אַרויס פון די גרענעצן פון פּראַקטישע פראַגן וועגן הונגער, און וועגן דעם וואָס מען דאַרף טאָן. איך האָב מיך דערמאָנט אַלץ וואָס איך האָב פריער געהערט וועגן טאָלסטויען, וועגן די טיפקייט פון פראַגן וועלכע ער פלעגט פרעגן, וועגן זיין אַלץ אַרומנעמענדיקער לערע, און כ'האָב געהאַט עגמת נפש וואָס טאָלסטוי רעדט וועגן אַזעלכע פּראָסטע און פּראָזאַאישע זאַכן; עס האָט זיך געוואָלט עפּעס אַנדערש, מער אומגעווענלעכעס; די צויבערנדיקע פּשטות פון טאָלסטויען האָט געשאַפן אַ באַרואיקנדיקן איינדרוק, אַזוי, אַז נישט קוקנדיק אויף די נאָר וואָס דורכגעפילטע אומרואיקייט, און נישט דרייסטקייט, איז אַלץ, יעדעס געפיל פון נישט באַקוועמלעכקייט נעבן אים, פאַרשווונדן, און עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך קען אים פון לאַנג. איך האָב מיך געמוזט צווינגען זיך צו דערמאָנען, ווו איך געפין מיך, ווער עס לייענט עפּעס אַ האַנטשריפט ביים טיש; כ'האָב אין מיר אַריינגערעדט, אַז דאָס איז אַ ספּעציעל גליק, וואָס כ'וועל דאַרפן געדענקען מיין גאַנץ לעבן, נאָר מען האָט זיך געמוזט ספּעציעל אָנשטרענגען, וועגן דעם צו טראַכטן, ווייל אַלץ איז געווען צו פּשוט צו נאַטירלעך, און היימיש; דאָס האָט אַפילו אַנטוישט. איך האָב נאָך נישט פאַרשטאַנען, אַז אין דער אומפאַרמיידלעכער אַנטוישונג, איז דער הויפּט־כּישוף פון דער נאָענטקייט מיט טאָלסטויען, וואָס עס לאָזט זיך נישט אויסדערציילן דעם, וואָס האָט עס נישט אָפּגעפילט אויף זיך“.

ווי מערקווירדיק־פאַרשידן די צוויי צונויפטרעפונגען, ווי מענטשלעך־קלאָר די ווערטער פון מאַקלאַקאָוון, וואָס איז נישט געווען און נישט געוואָרן קיין שרייבער, און נישט „געמאַכט“ קיין ליטעראַטור, און דער פינף־מינוטיקער „אומבאַדייטנדיקער שמועס“ פון קופּריִנען, (אויב אַזאַ באַגעגעניש און שמועס איז איבערהויפּט פאָרגעקומען) וואָס האָט אים אַזוי „געוואַלדיק אויפגעטרייסלט“.

אַון דער זעלבער קופּרין דערציילט וועגן טאָלסטויען אַ סך זאַכן, מעשיות וואָס דאַרפֿן זיין אמתע פֿאַקטן.

פֿון וואַנען האָט ער זיי גענומען? דערציילט ער: „פֿאַרבליבן אין זכרון פֿון ציַיטונגען, פּערזענלעך געהערט דערציילן און איבער־דערציילן וועגן פֿיל באַגעגענישן מיט טאָלסטויען פֿון פֿאַרשידענע פּערזאָנען“.

מיט איין וואָרט, פֿון „געזאָגט און גערעדט“.

ניין, דאָס איז שוין גאָרנישט ערנסט, ווייט נישט ערנסט.

וועלן מיר פֿונדעסטוועגן פּרובירן באַהאַנדלען פֿון דער גאָענט, אַ געשיכטע וואָס קופּרין דערציילט וועגן טאָלסטויען, דער ענין איז ביז גאָר אינטערעסאַנט:

ווי עס איז באַוווסט, פֿלעגט טאָלסטוי אָפֿט שפּאַצירן, רייטנדיק אויף אַ פֿערד; עס זענען פֿאַראַן פֿיל פֿאָטאָגראַפֿיעס, אויף וועלכע מיר זעען אים, רייטנדיק: אין שייכות דערמיט, דערציילט קופּרין:

איינמאָל איז צו טאָלסטויען געקומען צו פֿאָרן אַ געוועזענער מיליטער־מאַן, אַ וועגעטעריאַנער און פֿאַרטיידיקער פֿון חיות, מיט אַ טענה:

— איר לעוו ניקאָלאַיעוויטש, פּרעדיקט רחמנות צו אַלעם וואָס לעבט, און פֿונדעסטוועגן רייט איר יעדן טאָג, אַ פּאָר שעה אויף אַ פֿערד, אַוודאי, אייך איז דאָס אָנגענעם, אָבער פֿאַרן פֿערד איז דאָס אַ געצווינגענע זאַך, אַ נישט נויטיקע, און פֿאַרמאַטערנדיקע.

— מער וועל איך עס נישט טאָן, — האָט טאָלסטוי דערקלערט, און אויפֿגעהערט זיך צו באַנוצן מיטן פֿערד, קיינמאָל מער נישט געריטן.

די דאָזיקע געשיכטע, קלינגט באמת טאָלסטויאיש, זי איז אינגאַנצן אין כאַראַקטער פֿון זיינע פּרעדיקונגען, און מען קען און עס לאָזט זיך גלויבן, ווי אַן אמת.

איז זי אמת?

עס הויבט זיך נישט אָן. זי איז אויסגעטראַכט פֿון אָנהויב ביזן סוף.

עס איז גענוג, אַריינצוקוקן אין דעם טאָג־בוך פֿון טאָלסטויס לעצטן סעקרעטאַר, דעם גוט באַקאַנטן בולגאַקאָוו, דערציילט ער דאָרט, אַז דעם 25־טן אָקטאָבער 1910, סך הכל זעקס וואָכן פֿאַר

טאָלסטויס טויט, האָבן זיי ביידע שפּאַצירט רייטנדיק אויף פערד.

אַזוי זעט אויס דער אמת.

ווען מיר איצט אַריבערגיין צו אַן אנדערן ענין, וואָס קופּרין דערציילט אין דעם זעלבן אַרטיקל, אַן ענין פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט, ווייל וועגן דעם ענין האָבן געשריבן זייער פיל, אַ פאַל וואָס האָט אינטערעסירט אַ וועלט מיט מענטשן, איז נישט קיין ווונדער, אַז אויך קופּרין האָט די זאַך אויסגענוצט אין זיין אַרטיקל, און דערציילט דאָס וואָס ער האָט... געהערט דערציילן.

עס איז באַוווּסט, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז טאָלסטוי האָט אָנגעהויבן זיך אַליין מאַכן זיינע שטיוול.

טאָלסטוי, אַ שוסטער!

נישט ער קויפט, נישט ער באַשטעלט זיך זיינע שטיוול, נאָר ער מאַכט זיי זיך אַליין.

אַז דער ענין האָט אָנגעהויבן ווערן מער באַקאַנט, האָבן פיל מענטשן מיט פאַרוווּנדערונג, געהויבן מיט די פּלייצעס. מען האָט געזוכט צו פאַרשטיין וואָס קומט דאָ פאָר, פּרובירט טייטשן די זאַך אויף פאַרשידענע אופנים: געווען מענטשן וואָס האָבן אים אויסגעלאַכט, געזאָגט אַז ער ווערט פאַרנאַרט, און געווען מענטשן, די חסידים זיינע, די אַזוי גערופענע, טאָלסטויאַנער, וואָס האָבן אָנגעהויבן נאָכטאָן דעם רבין... אויך אָנגעהויבן אַליין זיך מאַכן זייערע שטיוול.

וועגן טאָלסטויס שוסטעריי, איז פאַראַן ממש, אַ גאַנצע ליטעראַטור.

לאָמיר דעריבער זען וואָס עס ווייס צו דערציילן וועגן דעם מערקווירדיקן ענין א. י. קופּרין:

„אַ געוויסן זומערדיקן אָוונט — לייענען מיר ביי אים — איז לעוו ניקאָלאַיעוויטש אַרויס אויף אַ שפּאַציר. באַגלייט האָט אים דער פאַרשטאָרבענער אַ. י. פּאַוולאָווסקי; ווען זיי זענען צוריקגעגאַנגען אַ היים, איז שוין געווען אַזוי פינצטער, אַז ווייטע קעגנשטאַנדן האָט מען קוים נאָך געקענט באַמערקן.

טאָלסטוי האָט פּלוצים געזאָגט:

— דאָ, לינקס, געפינט זיך אַ דאָרף, מיר זעען עס נישט, נאָר צו זעט איר דאָרט אַ קליין רויט פייערל?

— כ'זע.

— דאָרט וווינט מיין אַלטער פריינד, דער שוסטער פּאָמאַ יעווסטיגניעיעוו. כ'וועל אייך וועגן אים דערציילן אַ זייער אַמוזירנדיקע געשיכטע: כ'האָב דאַן נאָר וואָס געהאַט געענדיקט „אַננאַ קאַרענינאַ“, וויפל קאָרעקטורן איך האָב געמאַכט געדענק איך נישט, זייער פיל, לסוף האָט קאטקאוו מיר טעלעגראַפירט, „שיקט נישט מער קיין קאָרעקטורן, אַזוי וועט עס זיך שלעפּן צען יאָר. כ'האָב פאַראָרדנט אָנצוהויבן דרוקן“. נו, איז מיר געוואָרן אויפן האַרצן זייער פּוסט, פּונקט ווי ביי אַ מענטשן וואָס וואַרפט פון זיך אַראָפּ אַ שווערע משא וועלכע ער האָט געשלעפּט אַ סך וועדסט, און זיינע פּ״ס זענען מיט איינמאָל שוואַך געוואָרן און זיך געפּליאָנטערט. איך האָב גאָרנישט געקענט טאָן און טראַכטן. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן, כ'וועל אָנהויבן לערנען מאַכן שטיוול, און אויף אַזאַ אופן אויספילן די צייט, און זיי...

שפּעטער האָט טאָלסטוי געזאָגט:

— ענטשולדיקט, איך בין נישט קיין טאָלסטויאַנער.“
דאָס אַליץ דערוויסן מיר זיך ביי קופּרינען.

קענען מיר פאַרשטיין אַזאַ נשמה=צושטאַנד ביי טאָלסטויען, נאָך אַ גרויסער אָנשטרענגונג, וואָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט; ער האָט זיך פּשוט אָפּגערוט ביי זיין פריינד דעם שוסטער, ביים אַריבערגיין צו פיזישער אַרבעט.

אָבער אויף וואָס פאַראַ סמך, דערציילט קופּרין די נאָר וואָס ציטירטע געשיכטע? קיין קוועלן, גיט ער נישט אָן, און ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, האָט ער וועגן דעם אַלעם, געלייענט אין די ציימונגען, געהערט דערציילן, אָדער איבערדערציילן.

דער פאַקט פון טאָלסטוים שוסטעריי, האָט פיל ווערסיעס, די וועלכע עס ברענגט קופּרין, קען אויף קיין פאַל, נישט דינען אַלס פאַקט, אויף וועלכן מיר קענען בויען. אויב מיר לייענען ביי קופּרינען, דאָס וואָס ער האָט געהערט וועגן עניו, אַז דאָס לערנען זיך די שוסטעריי, איז געווען פאַר טאָלסטויען אַן אָפּרו, נאָך אַ גייסטיק=שווערער

אָנשטרענגונג, וועלן מיר איצט הערן וואָס עס דערציילט וועגן דעם זעלבן ענין, אַן אַנדערע קוועלע:

דאָס איז אַן אַרטיקל א. ג. „צוויי בריוו פון טאָלסטויען“ פון א. איזיומאָוו, דערשינען דעם 21סטן נאָוועמבער 1935 אין דער פּאַריזער רוסישער צייטונג „פּאָסלעדניאַ נאָוואָסטי“ אונטער דער רעדאַקציע פון באַרימטן נ. מיליוקאָוו; ווער עס איז דער שרייבער פון אַרטיקל א. איזיומאוו איז מיר נישט באַקאַנט, אָבער עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די דערמאָנטע צייטונג, האָט געהערט צו די סאַמע אינטערעסאַנטסטע און וואָגיקסטע וואָס די רוסישע עמיגראַציע האָט פון זיך אַרויסגעגעבן. די צייטונג פון 21סטן נאָוועמבער איז געווען געווידמעט דעם 25=טן יאָרצייט טאָלסטויס, און צווישן די מיטאַרבעטער האָבן זיך געפינען אַזעלכע נעמען, ווי דער קריטיקער געאָרגי אַדאַמאָוויטש, דער היסטאָריקער מ. אַלדאַנאָוו און אַלעקסאַנדראַ טאָלסטוי, (די לעצטע, איינע פון די טעכטער פון יאַסנעפּאָליאַנער זקן האָט ווי מיר ווייסן, געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָל אינעם אַ. ג. „פּראָבלעם טאָלסטוי“, און געווען אויך איר פאָטערס סעקרעטאַר). די אייניקע אויסגערעכנטע נעמען פון באַטייליקטע, ווייזן וועגן דער ערנסטקייט פון דעם טאָלסטוי=נומער פון דער צייטונג, א. איזיומאוו, איז געווען אַלזאָ צווישן די באַטייליקטע פון דער אויסגאַבע.

אין זיין אַרטיקל, דערציילט דער לעצטער וועגן צוויי אומבאַקאַנטע טאָלסטויאישע בריוו, וואָס געפינען זיך אין אַרכיוו פון טשעכאָ=סלאָוואַקישן אוסער=מיניסטעריום, און וואָס זענען ביז היינט (ד. ה. אין די טעג פון שרייבן דאָס אַרטיקל, אין 1935 — יה. ק.) נאָך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אין דעם אַרטיקל דערציילט איזיומאָוו אַז איין בריוו איז געשריבן צו צו אַ געוויסן וו. י. אַלעקסעיעוו, אַ הויך עטישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך אַ רייכע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט, און אָט וואָס מיר לייענען ביי אים:

„וו. י. אַלעקסעיעוו איז געווען אַ שטוב=לערער אין יאַסנאַיאַ פּאָלאַנאַ, ביי די טאָלסטוים, ווו ער האָט געוווינט ביז יוני 1881, און האָט זיך זייער דערנענטערט צו ל. נ. טאָלסטוי. ער זאָל ווייזט אויס, האָבן אַרויסגעפירט טאָלסטויען אויפן וועג פון פאַר=

15

לעוו טאלסטוי

1

איך ווייס נישט פֿון קיין זאַך וואָס זאָל מיר פֿאַרשאַפֿן אַ גרעסערע גייסטיקע צופֿרידנקייט, ווי דאָס לייענען וועגן לעבן און קאַמף וואָס ל. נ. טאָלסטוי האָט געפֿירט מיט דער גאַנצער וועלט, און מיט זיך אַליין.

זאָל זיין אַז אים פֿערזענלעך, איז נישט געלונגען צו פֿירן אַזאַ לעבן ווי ער האָט געוואָלט, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט, אָבער אין זיינע אָנשטרענגונגען צו לעבן ערלעך, אין זיין אָנשטרענגונג צו באַקעמפֿן אין זיך די שלעכטע ירושה, איז ער פֿאַרבליבן במעט איינציק אין דער געשיכטע.

כדי צו האָבן אַ שטיקל באַגריף וועגן זיינע ליידן, איז וויכטיק צו ציטירן זיינס אַ בריוו, געשריבן אומגעפֿער אין יאָר 1880, אין וועלכן מיר לייענען, צווישן אַנדערס, פֿאָלגנדיקע שורות:

„אַלע מיינע פֿריערדיקע פֿריידן, האָב איך אָנגעווירן. אַלע מיינע דערפֿאָלגן אין לעבן, רייכקייט, כבוד, רום, האָב איך שוין נישט. מיינע פֿריינד, אפֿילו קרובים, קערן זיך פֿון מיר אָפּ; אַ טייל, ליבעראַלן און עסטעטן, האַלטן מיך פֿאַר משוגע און גייסטיק שוואַכן ווי גאָגאָל; אַנדערע, רעוואָלוציאָנערן, ראַדיקאַלן, האַלטן מיך פֿאַר אַ מיסטיקער און פּלוידערער; רעגירונגס=לייט האַלטן מיך פֿאַר אַ שעדלעכן רעוואָלוציאָנער; פּראַוואָסלאַוונע, האַלטן מיך פֿאַר אַ טייוול. כ'בין מיך מודה אַז דאָס איז מיר שווער, נישט דערפֿאַר וואָס עס טוט וויי, נאָר שווער דערפֿאַר, וואָס עס ווערט געשטערט דאָס, וואָס איז דער עיקר=ציל און גליק

פון מיין לעבן, די ליבשאַפט־פאַרהעלטעניש מיט מענטשן. עס איז שווער ווען יעדער פאַלט אויף דיר אָן מיט בייזקייט און פאַר־וורף.״

די ציטירטע שורות דערציילן גענוג קלאָר, וועגן דעם לײדנס־וועג פון טאָלסטויען, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען פריווויליק כדי צו פּרובירן לעבן אין גוטסקייט און אין ערלעכקייט.

*

ווײנענדיק אַ באַשטימטע צייט אין מאָסקווע, פלעגט טאָלסטוי אָפט באַזוכן אַ געוויסע שוויץ־באָד; איינמאָל, זיצנדיק דאָרט אויף דער הויכער באַנק, אין אַ קרייז באַקאַנטע, איז אַנטשטאַנען אַ שמועס וועגן היינטיקן לעבן; טאָלסטוי איז אויף דאָס ניי אָנגעפאַלן אויף דער שלעכטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, פאַלשער ציוויליזאַציע, מאַשינען־קולטור, מלחמות א. א. וו.

אַן אינזשעניער, באַדעקט מיט שוויים, פרעגט אים דאַן:

— נו גוט, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, לאָמיר אָנגעמען אַז מיר וועלן אָפּשאַפן די היינטיקע ציוויליזאַציע, איז וואָס זשע גיט איר אונדז אויף איר אָרט?

און טאָלסטוי ענטפערט:

— שטעלט אייך פאָר, מיין פריינד, איך גיב אימעצן אַן עצה, זיך אויסצוהיילן פון אַ שלעכטער קרענק, און יענער, פרעגט מיך: ,,וואָס זשע וועט איר מיר געבן אויפן אָרט פון מיין סיפילים?“.

*

זייער אינטערעסאַנט איז דער פאַל, וואָס עס דערציילט דער פאַרשטאָרבענער סקולפּטאָר נחום אַראָנסאָן, וואָס האָט אין דער יוגנט, זיך אויפגעהאַלטן אַ שטיקל צייט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. און געווען אַן אייגענער מענטש אין דער פאַמיליע טאָלסטוי, אָט וואָס מיר לייענען ביי אים:

,,איינמאָל האָבן מיר אַזוי אַרומשפּאַצירנדיק, אָנגעטראָפן אַן

אָפיציר, וואָס איז געגאַנגען צו טאָלסטויען, און זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן דערויף, ווי מיאוס דאָס מיליטערישע לעבן איז, וואָס פאַראַ גנבות עס קומען דאָ פאָר, וואָס פאַראַ אומגעזעצלעכקייטן, ווי אוממאָראַליש די גאַנצע סביבה איז פון אויבן ביז אונטן. ער האָט געפרעגט טאָלסטויען, צי זאָל ער ווייטער בלייבן אין דער אַרמעע, אָדער אַוועקלייגן די כלי-זין. „בלייבט“! — האָט טאָלסטוי געזאָגט. דער אָפיציר איז אַוועק אַ צעמישטער. „ווי איז די עצה צו פאַרשטיין?“ — האָב איך געפרעגט, טאָלסטוי האָט געענטווערט: „ער איז נאָך נישט רייף פאַר דער מאָראַלישער באַפרייאונג. וואָלט עס געווען אַנדערש, וואָלט ער אַליין אָנגענומען דעם גויטיקן באַשלוס. זאָל ער דאָרט בלייבן, און ווען דער כוס וועט זיין פול, וועט ער שוין געפינען דעם ריכטיקן וועג“. *

טראָץ טאָלסטויס קעגנערשאַפט צו דער אַרמעי, ווי צו אַ גרויס שלעכטס, האָט ער נישט געקענט עצה'נען דעם אָפיציר צו פאַרלאָזן דאָס מיליטער; ער האָט געזוכט אַז איטלעכער שריט פון אַ מענטשן, זאָל אַרויסקומען פון זיין אייגענער אינערלעכער רייפקייט, וואָרם נאָר דעמאָלט איז דער שריט אַ זיכערער. זאָל דאָ טאַקע דערמאָנט ווערן, אַז טאָלסטוי האָט נישט געהאַלטן, אַז דער מענטש וועט אָנהויבן האַנדלען גוט, ערשט נאָך דעם, ווי מען וועט האָבן געענדערט די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, ווי עס באַהויפּט עס די רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישע וועלט; ער האָט געהאַלטן, אַז עס דאַרף אָנגעהויבן ווערן פון דעם מענטשן גופא, אַז דער יחיד דאַרף אַליין אויפהערן מיטמאַכן דאָס שלעכטע און נישט גערעכטע, וועט דאָס פּראָבלעם זיין געלעזט. (ל. נ. טאָלסטוי. „דאָס אַרבעטער פאָלק“.)

צו דעם נאָר וואָס דערציילטן פאַל מיטן מיליטער-מאַן, וואָס ווייזט אונדז דעם וועג מיט וועלכן טאָלסטוי איז געגאַנגען, איז וויכטיק אַרויסצוברענגען נאָך אַזאַ ענלעכן פאַל, וואָס מאַכט בולטער די פּערזענלעכקייט זיינע; פּונקט ווי דער דערמאָנטער אָפיציר, וואָס האָט זיך געווענדעט צו אים מיט זיין „וואָס טאָן?“, אַזוי האָט

---

* „דאָס פרייע וואָרט“ לאָנדאָן, 13טער אַפּריל 1934. רעדאַקציע י. נ. שטיינבערג.

זיך צו טאָלסטויען אַמאָל געווענדעט אַ יונגער אַמעריקאַנער, וויליאַם קלענגוד וואָס האָט אומגעריכט געירשנט אַ מיליאָן פראַנק, און געבעטן אַן עצה, וואָס טאָן מיטן געלט; זיך האָט ער געהאַט בדעה איבערלאָזן 50 טויזנט פר. כדי צו קענען פאַרענדיקן זיין בילדונג, און דאָס איבעריקע, די 950 טויזנט פר. האָט ער געוואָלט אַוועקגעבן, אָבער וועמען, און ווי אַזוי? „טיילן גאָלדשטיקלעך, — האָט דער יונגער אַמעריקאַנער געשריבן צו טאָלסטויען, — איז נישט שיין און נישט נוצלעך, עס דאַרף דאָך אָבער פאָרט זיין אַן אופן, וויאַזוי איבערצוגעבן דעם קליינעם קאַפּיטאַל אין הענט פון אַרבעטס־מענטשן, אַז זיי זאָלן אַרבעטנדיק, האָבן פון אים אַ נוצן“.

דאָס אָפּזאָגן זיך פון געלט, האָט טאָלסטוי איינגעפינען פאַר גוט, אָבער פילנדיק אַ געוויסע נישט זיכערקייט אין דער רייפקייט פון דעם יונגען אַמעריקאַנער, האָט ער אים געראַטן:

„אַריינלעגן דאָס געלט אין אַ וועלכער עס איז באַנק, מיט אַ באַדינג עס נישט צו קענען צוריק אַרויסנעמען פאַר 15 אָדער צוואַנציק יאָר. אין צוואַנציק יאָר אַרום, וועט איר שוין האָבן אַ שטיקל לעבנס דערפאַרונג, כדי צו קענען באַשטימען, צי קען דאָס געלט ברענגען מיט זיך עפּעס גוטס, און איר וועט דאַן האַנדלען, ווי די לעבנס דערפאַרונג וועט אייך ווייזן“.*

דער נאָר וואָס דערציילטער פאַל, פּונקט ווי מיטן מיליטער־מאַן, ווייזט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס טאָלסטוי האָט אָפּגעפילט אין אַזעלכע מאָמענטן און זיין נישט וועלן אויסנוצן שטימונגען ביי מענטשן, אַפילו לטובות אַ גוטן צוועק. דער עיקר וואָס ער האָט געזוכט אין אַזעלכע מאָמענטן ביים מענטשן, איז אייגענע רייפע האַנדלונגען.

איך קום איצט צו אַ פאַל, צו אַ באַשטימטער האַנדלונג פון טאָלסטויען, וואָס האָט ביי מיר, ביים לייענען וועגן דעם, אַרויסגערופן נישט נאָר אַ שטוינונג, נאָר מיר איז אויך קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס

---

* ל. נ. טאָלסטוי. אַלע ווערק, רעדאַקציע וו. ג. טשערטקאָוו, ערשטע סעריע־בריוו, 72סטער באַנד. מלוכה־פאַרלאַג. מאָסקווע 1933. זייט 630.

ל. נ. טאָלסטוי ביים שרייבן.
(צייכענונג פון י. ריעפּין)

פיל מענטשן האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף טאָלסטויען ווי אויף אַ הייליקן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1892, רוסלאַנד האָט דאַן אַדורכגעמאַכט אַ גרויסן הונגער, און טאָלסטוי האָט זיך פאַרנומען מיט העלפן די הונגער־לײדנדיקע; ער האָט דאַן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף וועגן הילף, וואָס האָט אַרייַנגעברענגט אַ סך געלט, און עס האָבן זיך אָפּגערופן פיל מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטעלט צו דער הילפּסאַרבעט. אַ דאַנק טאָלסטויס באַמיאונגען, זענען אויפגעעפנט געוואָרן אַרום צוויי הונדערט פונקטן, ווו מען האָט דערנערט די הונגעריקע; ער פלעגט אַרומפאָרן אין גרעסטע פרעסט איבער די פון הונגער געטראָפענע גובערניעס (פּראָווינצן) און זיך אָנגעשטרענגט ביז די די לעצטע כוחות.

דאָס געלט וואָס מען פלעגט צושיקן, איז אָבער, אין פאַרגלייך צו דער נויט, געווען ווי אַ טראָפּן אין ים. אַלעמען העלפן האָט מען נישט געקענט, און מען האָט געמוזט קלויבן צווישן די געליטענע.

איינמאָל, אָנקומענדיק אין אַ געווויסן דאָרף, האָבן אויף טאָלסטויען, ווי דעם פאָרזיצנדן פון דעם הילפּס־קאָמיטעט, געוואַרט אַ גרופּע פויערים און פויערטעס, מיט ביטעס „צום גראַף“ וועגן הילף, און בעת מען האָט צוגעפירט צו אים איינע פון די פויערטעס, איז יענע געפאַלן פאַר טאָלסטויען אויף אירע קני, און אָנגעהויבן אויסדערציילן איר ביטע.

— שטעל דיך אויף! — האָט טאָלסטוי געשריגן צו דער פויערטע, נאָר זעענדיק אַז עס איז נישט מעגלעך צו ווירקן אויף איר, זי זאָל עס טאָן, האָט טאָלסטוי, צו אַלעמענס איבעראַשונג, זיך אויך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, זאָגנדיק צו איר:

— נו, וועלן מיר רעדן אַזוי, דערצייל וואָס דו דאַרפסט.

די פויערטע איז געווען אַזוי צעטראָגן פון זעען דעם „גראַף“ אויף די קני, אַז זי האָט לאַנג נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. *

---

* „קלייניקייטן וועגן טאָלסטויען“ פון וו. צינגער. „פּאָסלעדניאַ נאָוואָסטי“, פּאַריז 21סטער יוני 1935.

*

פֿרילינג־צייט 1908.

איבער רוסלאַנד האָט זיך אויף דאָס ניי דורכגעטראָגן אַ כוואַליע פֿון רעגירונגס־טעראָר. יעדן טאָג האָבן די צייטונגען מיטגעטיילט וועגן אויסגעפֿירטע טויט־אורטיילן איבער פֿויערים, און טאָלסטוי האָט פֿאַרלוירן זיין רו. יעדן טאָג פֿלעגט ער מיט שרעק אויפֿעפֿענען די צייטונגען.

— ווידער זיבן טויט־אורטיילן, פֿלעגט ער רעדן צו די אָנוועזנדיקע, ביים אַריינקומען אין צימער, — מען קען דאָך נישט לעבן רויִק מיטן באַוווּסטזיין, אַז דאָס אַלץ געשעט, שרייען, שרייען דאַרף מען! ווער האָט זיי געגעבן דאָס רעכט אָפּצונעמען ביי אַ מענטשן דאָס לעבן? ווי קען מען דאָס אָפּנעמען ביי אַ פֿאַרברעכער די מעגלעכקייט צו באַדויערן זיין האַנדלונג?

פֿון ערגעץ ווו, האָט מען טאָלסטויען, אויף אַ באַהאַלטענעם אופֿן, צוגעשיקט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, פֿון אַן אויסגעפֿירטן טויט־אורטייל דורך הענגען, ער האָט אויפֿגעהערט רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

איין טאָג האָט ער ווידער געלייענט: „היינט דעם ניינטן מאַי, זענען אין כערסאָן געהאָנגען געוואָרן צוואַנציק פֿויערים, פֿאַר אַ רויבערישן אָנפֿאַל אויף אַ גוט, אין עליסאַוועטער אויעזד“. און טאָלסטוי איז צוגעטרעטן שרייבן זיין „איך קען נישט שווייגן“.

וועגן דעם לייענען מיר ביי זיין טאָכטער אַלעקסאַנדראַ:

„דער טאַטע האָט שוין לאַנג אַזוי נישט געאַרבעט. פֿון די ערשטע טעג אָן, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין „איך קען נישט שווייגן“, האָבן מיר אַלע געפֿילט, אַז פֿון אונטער זיין פֿעדער וואַקסט אַרויס עפּעס, וואָס איז ריזיק־גרויס; ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעביטן, געוואָרן מונטערער, זיכערע, ווי אַ מענטש וואָס גייט אַריבער פֿון פּאַסיווער באַאָבאַכטונג צום קאַמף. ער האָט געשריבן יעדן טאָג, מיט גרויסע ברייטע שטריכן, אַזוי ווי ער פֿלעגט, געוועלטלעך, שרייבן קונסט־ווערק, און ער האָט אָפּגעאָטעמט לייכטער ווען ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס לעצטע פּינטעלע“.

דער רושם וואָס דאָס דאָזיקע אַרטיקל האָט געמאַכט, איז באַוווּסט.

דער צופֿלוס פֿון בריוו קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָט זיך פֿאַרגרעסערט, פֿון פֿאַרשידענע זייטן זענען אָנגעקומען אַנטציקונגס־בריוו, עס זענען אָבער אויך געווען בריוו מיט זידלערייען: מיט די פּאָסט־זאַכן איז אָנגעקומען אַ קליין קעסטעלע; אינעווייניק איז געלעגן אַ דיקע שטריק, און אַ בריוועלע מיט פֿאָלגנדיקן אינהאַלט:

„גראַף! כדי נישט צו באַמיען אונדזער רעגירונג, קענט איר דאָס אַליין טאָן, (זיך אויפֿהענגען), ס'איז נישט שווער... איר וועט דערמיט אַ טובֿה טאָן אונדזער פֿאָטערלאַנד און אונדזער יוגנט. — אַ רוסישע מוטער“.

טאָלסטויען איז געווען שווער אויפֿן האַרצן.

— עס איז ביטער אַרויסצורופֿן אַזעלכע שלעכטע געפֿילן ביי מענטשן, — האָט ער געזאָגט, און געשריבן צו דער פֿרוי:

„איך באַדויער זייער וואָס איך האָב אָן וועלכן עס איז ווילן, אַרויסגערופֿן, ביי אייך, — און אפֿשר אויך קעגן אייער ווילן, — אַזעלכע געפֿילן וואָס איך האָב געלייענט אין אייער בריוו. איר וועט מיך זייער דערפֿרייען, אויב איר וועט מיר דערקלערן די סיבה פֿון אייער שלעכט געפֿיל, און זיך באַמיען עס איינצושטילן אין זיך. איך האָב מורא אַז איר וועט דאָס האַלטן פֿאַר אַ פּוסט וואָרט, נאָר איך זאָג עס אייך זייער אויפֿריכטיק. — דער וואָס פֿילט אייך מיט, לעוו טאָלסטוי.“

2

אַזוי האָט געלעבט, אַזוי האָט געהאַנדלט, אַזוי האָט אָפּגעפּילט און אזוי האָט געליטן ל. נ. טאָלסטוי, און זיין רום איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און זיין פּערזאָן איז נאָך ביים לעבן זיינעם, געוואָרן הייליק פאַר אַ וועלט מענטשן, וואָס האָבן געשטראָמט צו אים פון נאָענט און פון ווייט, זיך צוגעהערט צו יעדן זיין וואָרט, און געזוכט ביי אים אַן ענטווער אויף דער פראַגע: „אין וואָס באַשטייט גליק“. לאַנגזאַם איז געבוירן געוואָרן אַ געוואַלטיקע ליטעראַטור וועגן דעם יאַסנעפּאָליאַנער זקן, וועגן זיין לעבן און שאַפן, וועגן זיין פירונג, וועגן יעדן וואָרט זיינעם וואָס ער האָט געשריבן און געזאָגט.

און עס האָבן וועגן אים געשריבן אַ חוץ די קריטיקער, זיין פרוי, און כמעט, אַלע זיינע קינדער, און אַלע זיינע פריינד, און אַלע אַריינקומער צו אים אין שטוב, און איטלעכער וואָס האָט מיט אים גערעדט, און איטלעכער כמעט, וואָס האָט אים געזען... אַ טייל פון די עדות זענען געווען ביז גאָר ערלעך אין זייערע באַשרייבונגען, געווען אָבער אויך אַזעלכע אַריינקומער צו טאָלסטויען, וואָס האָבן אין זייערע זכרונות, דערציילט זאַכן וואָס זיי גופא האָבן נישט בייגעוווינט און נישט געזען, נאָר וועגן דעם געהערט, און יעדער האָט קאָמענטירט דאָס געזעענע און דאָס געהערטע, אויף זיין אופן, דערנאָך האָבן אַנדערע, אויף דעם סמך פון דער אויסגעוואַקסענער עדות־ליטעראַטור, געמאַכט זייער אייגענע קאָמענטאַרן, ביז עס איז, אין רעזולטאַט פון „געזאָגט און גערעדט“, דערגאַנגען צו אַ געוואַלטיקער פאַרטונקעלונג פון אמת וועגן דער פּערזאָן פון טאָלסטויען. מען שרייבט און מען דערציילט וועגן דעם גרויסן מענטשן אַ סך נישט געשטויגענע מעשיות, און פיל מאָל, ווערן די

מעשיות דערציילט גראָד דורך באַרימטע מענטשן, און גרויסע נעמען, האָט מען דאָך אוודאי נישט קיין סיבה זיי נישט צו גלויבן, און דער פלאָנטער וואַקסט.

איינער פון די וואָס האָט אָפט געשריבן וועגן טאָלסטויען, און דערציילט וועגן אים פאַרשידענע אינטערעסאַנטע זאַכן, איז געווען דער באַרימטער רוסישער שרייבער קופרין, דער מחבר פון „פאָיעדינאָק“ (דער דועל), „יאמא“ (דער גריב) א. א. ווערק. דער שרייבער איז מיט אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק, נאָך געווען זייער פאָפולער, און צו זיינע רייד האָט מען זיך באַצויגן גענוג ערנסט, אַזוי האָט מען זיך באַצויגן גענוג ערנסט צו דעם וואָס ער האָט דערציילט וועגן טאָלסטויען.

האַלט איך פאַר וויכטיק, מיר זאָלן קודם כל אויפקלערן דעם שייכות פון קופרינען צו טאָלסטויען: אויב קופרין דערציילט פאַרשידענע געשיכטעס, מיינונגען, האַנדלונגען און אפילו רייד פון טאָלסטויען, פון וואַנען האָט ער זיי גענומען? דאָס איז אַ פראַגע פון גאָר גרויסער וויכטיקייט, וואָס זענען נוגע פיל אַזעלכע שרייבער און דערציילער וועגן דעם יאַסנעפאָליאַנער זקן. ערשט נאָכן אויפקלערן די פראַגע, וועלן מיר קענען וויסן ווי אַזוי זיך צו באַציען צו די קופרינישע דערציילונגען. זאָל זשע דאָ דערציילט ווערן, אַז א. י. קופרין, האָט נאָר איין און איינציק מאָל אין זיין לעבן געזען טאָלסטויען; דאָס איז געווען, לויט קופרינס רייד, אין יאָר 1904 אויף אַ שיף; זיי זענען געפאָרן אויף דער זעלבער שיף אינגאַנצן אַ האַלבע שעה, און גערעדט האָט מיט אים טאָלסטוי, נאָר פינף מינוט, און מיט די פינף מינוט, שעפט זיך אויס קופרינס באַגעגעניש מיט טאָלסטויען, וועגן דעם דערציילט קופרין אַליין אין זיינס אַן אַרטיקל א. נ. „צו גאַסט ביי טאָלסטויען“, אין פאַריזער זשורנאַל „אילוסטראָוואַננאַיאַ ראָסיאַ“ נ. 36 (173) פון ערשטן סעפטעמבער 1928.

א. י. קופרין דערציילט אפילו, אַז דאָס זאָל טאָלסטוי אַליין, וואָס האָט זיך דערוויסט, אַז קופרין געפינט זיך אויף דער שיף, האָבן אויסגעדרוקט דעם ווילן אים צו באַקענען, און אַז טאָלסטוי און זיין פרוי, האָבן אים איינגעלאַדן צו קומען צו זיי אין יאַסנאַיאַ פאָלאַנאַ און קופרין דערציילט אַז ער האָט זיך קיינמאָל „נישט דעצידירט אויסנוצן די איינלאַדונג, צו געוואַלטיק-אויפטרייסלענדיק איז גע-

ווען דער איינדרוק פון פינף=מינוטיקן נישט באַדייטנדיקן שמועס מיט טאָלסטויען“.

שוין די פּאָר ווערטער, רופן אַרויס אַ שטוינונג און אַן אומצוטרוי צי די רייד פון א. י. קופּרינען; דער שמועס, דערציילט ער האָט געדויערט אינגאַנצן פינף מינוט, און געווען איז עס אַ „נישט באַדייטנדיקער שמועס“, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ „צו געוואַלטיק אויפטרייסלענדיקן איינדרוק“ !

ניין, די שורות דערוועקן אינגאַנצן נישט קיין צוטרוי.

מיר קענען פאַרשטיין, און ווייסן עס אויך פון אַ סך מענטשן, וואָס האָבן דערציילט וועגן זייער געשפּאַנטקייט און אויפרעגונג ערב אַ פאָרשטייענדיקער באַגעגעניש מיט טאָלסטויען, וואָס איז אָבער גלייך פאַרשוווּנדן, ביי די ערשטע ווערטער=אויסטוישונג מיט אים צוליב זיין אויסערגעוויינלעכער פריינדלעכקייט און פּשטות; כּדי זיך צו קענען גוט קלאָר מאַכן אונדזער באַציאונג צו קופּרינס רייד, איז זייער וויכטיק דאָ צו דערציילן וועגן אַ צווייטער באַגעגעניש מיט טאָלסטויען, וואָס ווערט דערציילט אין זעלבן זשורנאַל „אילוסטראָוואַננאַיאַ ראָסיאַ“, אין וועלכן קופּרין דערציילט די פריער ציטירטע און נאָכקומענדיקע געשיכטן; דאָס איז אַ באַגעגעניש פון דעם באַרימטן רוסישן אַדוואָקאַט און דיפּלאָמאַט וו. א. מאַקלאַקאָוו, אַ נאָמען וואָס איז אין צאַרישן רוסלאַנד, געווען זייער באַקאַנט.

אָט וואָס מאַקלאַקאָוו דערציילט: אַלס יונגער סטודענט, האָט ער איינמאָל געטראָפן טאָלסטויען אויף א מאָסקווער גאַס, אים דערקענט און „אים נאָכגעגאַנגען, און מקנא געווען די וואָס האָבן מיט אים גערעדט“; שפּעטער אין יאָר 1892, בעתן גרויסן הונגער אין רוסלאַנד, וועגן וועלכן מיר איז שוין אויסגעקומען פריער צו דערמאָנען, האָט מאַקלאַקאָוו גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער הילפס=אַרבעט, און בעת טאָלסטוי איז אין דער זעלבער צייט געקומען קיין מאָסקווע אויף אייניקע טעג, האָט מען דעם יונגען מאַקלאַקאָוו, מיטגענומען צו טאָלסטויען אין שטוב אַריין, און אָט וואָס מיר לייענען ביי אים:

„איך געדענק דאָס אָפּוואַרטן און די אומרואיקייט, ווען מען האָט אונדז געפירט דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר צו אים אין קאַבינעט; דאָס גליק און די פאַרלעגנהייט, אַז איך וועל אים באַלד

זעען; ווען טאָלסטוי האָט זיך פריינדלעך אויפגעהויבן פון טיש, אונדז אַנטקעגן געגאַנגען, ליבלעך מיר געזאָגט אַז ער איז צופרידן מיט מיר זיך צו באַקענען, האָט ער זיך מיר אויסגעוויזן אַ סך עלטער און מידער, ווי כ׳האָב אים געזעען אַמאָל אויף דער גאַס. דער קאַבינעט איז געווען פיל מיט מענטשן. דער שמועס איז נישט אַרויס פון די גרענעצן פון פּראַקטישע פראַגן וועגן הונגער, און וועגן דעם וואָס מען דאַרף טאָן. איך האָב מיך דערמאָנט אַלץ וואָס איך האָב פריער געהערט וועגן טאָלסטויען, וועגן די טיפקייט פון פראַגן וועלכע ער פלעגט פרעגן, וועגן זיין אַלץ אַרומנעמענדיקער לערע, און כ׳האָב געהאַט עגמת נפש וואָס טאָלסטוי רעדט וועגן אַזעלכע פּראָסטע און פּראָזאַאישע זאַכן; עס האָט זיך געוואָלט עפּעס אַנדערש, מער אומגעווענלעכעס; די צוויבערגדיקע פּשטות פון טאָלסטויען האָט געשאַפן אַ באַרואיקנדיקן איינדרוק, אַזוי, אַז נישט קוקנדיק אויף די נאָר וואָס דורכגעפילטע אומרואיקייט, און נישט דרייסטקייט, איז אַלץ, יעדעס געפיל פון נישט באַקוועמלעכקייט נעבן אים, פאַרשווונדן, און עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך קען אים פון לאַנג. איך האָב מיך געמוזט צווינגען זיך צו דערמאָנען, ווו איך געפין מיך, ווער עס לייענט עפּעס אַ האַנטשריפט ביים טיש; כ׳האָב אין מיר אַריינגערעדט, אַז דאָס איז אַ ספּעציעל גליק, וואָס כ׳וועל דאַרפן געדענקען מיין גאַנץ לעבן, נאָר מען האָט זיך געמוזט ספּעציעל אָנשטרענגען, וועגן דעם צו טראַכטן, ווייל אַלץ איז געווען צו פּשוט צו נאַטירלעך, און היימיש; דאָס האָט אַפילו אנטוישט. איך האָב נאָך נישט פאַרשטאַנען, אַז אין דער אומפאַרמיידלעכער אַנטוישונג, איז דער הויפּט=כישוף פון דער נאָענטקייט מיט טאָלסטויען, וואָס עס לאָזט זיך נישט אויסדערציילן דעם, וואָס האָט עס נישט אָפּגעפילט אויף זיך“.

ווי מערקווירדיק=פאַרשידן די צוויי צונויפטרעפונגען, ווי מענטשלעך=קלאָר די ווערטער פון מאַקלאַקאָוון, וואָס איז נישט געווען און נישט געוואָרן קיין שרייבער, און נישט „געמאַכט“ קיין ליטעראַטור, און דער פינף=מינוטיקער „אומבאַדייטנדיקער שמועס“ פון קופּרינען, (אויב אַזאַ באַגעגעניש און שמועס איז איבערהויפּט פאָרגעקומען) וואָס האָט אים אַזוי „געוואַלטיק אויפגעטרייסלט“.

און דער זעלבער קופּרין דערציילט וועגן טאָלסטויען אַ סך זאַכן, מעשיות וואָס דאַרפן זיין אמתע פאַקטן.

פון וואַנען האָט ער זיי גענומען? דערציילט ער: „פאַרבליבן אין זכרון פון צייטונגען, פערזענלעך געהערט דערציילן און איבער־דערציילן וועגן פיל באַגעגענישן מיט טאָלסטויען פון פאַרשידענע פערזאָנען“.

מיט איין וואָרט, פון „געזאָגט און גערעדט“.

ניין, דאָס איז שוין גאָרנישט ערנסט, ווייט נישט ערנסט.

ווען מיר פונדעסטוועגן פּרובירן באַהאַנדלען פון דער נאָענט, אַ געשיכטע וואָס קופּרין דערציילט וועגן טאָלסטויען, דער ענין איז ביז גאָר אינטערעסאַנט:

ווי עס איז באַוווסט, פלעגט טאָלסטוי אָפט שפּאַצירן, רייטנדיק אויף אַ פערד; עס זענען פאַראַן פיל פאָטאָגראַפיעס, אויף וועלכע מיר זעען אים, רייטנדיק: אין שייכות דערמיט, דערציילט קופּרין:

איינמאָל איז צו טאָלסטויען געקומען צו פאָרן אַ געוועזענער מיליטער־מאַן, אַ וועגעטעריאַנער און פאַרטיידיקער פון חיות, מיט אַ טענה:

— איר לעוו ניקאָלאַיעוויטש, פּרעדיקט רחמנות צו אַלעם וואָס לעבט, און פונדעסטוועגן רייט איר יעדן טאָג, אַ פּאָר שעה אויף אַ פערד, אַוודאי, אייך איז דאָס אָנגענעם, אָבער פאַרן פערד איז דאָס אַ געצווינגענע זאַך, אַ נישט גוטיקע, און פאַרמאַטערנדיקע.

— מער וועל איך עס נישט טאָן, — האָט טאָלסטוי דערקלערט, און אויפגעהערט זיך צו באַנוצן מיטן פערד, קיינמאָל מער נישט געריטן.

די דאָזיקע געשיכטע, קלינגט באמת טאָלסטויאיש, זי איז אינגאַנצן אין כאַראַקטער פון זיינע פּרעדיקונגען, און מען קען און עס לאָזט זיך גלויבן, ווי אַן אמת.

איז זי אמת?

עס הויבט זיך נישט אָן. זי איז אויסגעטראַכט פון אָנהויב ביזן סוף.

עס איז גענוג, אַריינצוקוקן אין דעם טאָג־בוך פון טאָלסטויס לעצטן סעקרעטאַר, דעם גוט באַקאַנטן בולגאַקאָוו, דערציילט ער דאָרט, אַז דעם 25־טן אָקטאָבער 1910, סך הכל זעקס וואָכן פאַר

טאָלסטוים טויט, האָבן זיי ביידע שפּאַצירט רייטנדיק אויף פערד.

אַזוי זעט אויס דער אמת.

וועלן מיר איצט אַריבערגיין צו אַן אַנדערן ענין, וואָס קופּרין דערציילט אין דעם זעלבן אַרטיקל, אַן ענין פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט, ווייל וועגן דעם ענין האָבן געשריבן זייער פיל, אַ פאַל וואָס האָט אינטערעסירט אַ וועלט מיט מענטשן, איז נישט קיין וווּנדער, אַז אויך קופּרין האָט די זאַך אויסגענוצט אין זיין אַרטיקל, און דערציילט דאָס וואָס ער האָט... געהערט דערציילן.

עס איז באַוווּסט, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז טאָלסטוי האָט אָנגעהויבן זיך אַליין מאַכן זיינע שטיוול.

טאָלסטוי, אַ שוסטער!

נישט ער קויפט, נישט ער באַשטעלט זיך זיינע שטיוול, נאָר ער מאַכט זיי זיך אַליין.

אַז דער ענין האָט אָנגעהויבן ווערן מער באַקאַנט, האָבן פיל מענטשן מיט פאַרוווּנדערונג, געהויבן מיט די פּלייצעס. מען האָט געזוכט צו פאַרשטיין וואָס קומט דאָ פאָר, פּרובירט טייטשן די זאַך אויף פאַרשידענע אופנים: געוועזן מענטשן וואָס האָבן אים אויסגעלאַכט, געזאָגט אַז ער ווערט פאַרנאַרט, און געוועזן מענטשן, די חסידים זיינע, די אַזוי גערופענע, טאָלסטויאַנער, וואָס האָבן אָנגעהויבן נאָכטאָן דעם רבין... אויך אָנגעהויבן אַליין זיך מאַכן זייערע שטיוול.

וועגן טאָלסטוים שוסטעריי, איז פאַראַן ממש, אַ גאַנצע ליטעראַטור.

לאָמיר דעריבער זען וואָס עס ווייס צו דערציילן וועגן דעם מערקווירדיקן ענין א. י. קופּרין:

„אַ געוויסן זומערדיקן אָוונט — לייענען מיר ביי אים — איז לעוו ניקאָלאַיעוויטש אַרויס אויף אַ שפּאַציר. באַגלייט האָט אים דער פאַרשטאָרבענער אַ. י. פּאַוולאָווסקי; ווען זיי זענען צוריקגעגאַנגען אַ היים, איז שוין געוועזן אַזוי פינצטער, אַז ווייטע קעגנשטאַנדן האָט מען קוים נאָך געקענט באַמערקן.

טאָלסטוי האָט פּלוצים געזאָגט:

— דאָ, לינקס, געפינט זיך אַ דאָרף, מיר זעען עס נישט, נאָר צו זעט איר דאָרט אַ קליין רויט פייערל?

— כ׳זע.

— דאָרט וווינט מיין אַלטער פריינד, דער שוסטער פּאָמאַ יעווסטיגניעיעוו. כ׳וועל אייך וועגן אים דערציילן אַ זייער אַמוזירנדיקע געשיכטע: כ׳האָב דאַן נאָר וואָס געהאַט געענדיקט „אַננאַ קאַרענינאַ“, וויפל קאָרעקטורן איך האָב געמאַכט געדענק איך נישט, זייער פיל, לסוף האָט קאטקאוו מיר טעלעגראַפירט, „שיקט נישט מער קיין קאָרעקטורן, אַזוי וועט עס זיך שלעפּן צען יאָר. כ׳האָב פאַראָרדנט אָנצוהויבן דרוקן“. נו, איז מיר געוואָרן אויפן האַרצן זייער פּוסט, פּונקט ווי ביי אַ מענטשן וואָס וואַרפט פון זיך אַראָפּ אַ שווערע משא וועלכע ער האָט געשלעפּט אַ סך ווערסט, און זיינע פּיס זענען מיט איינמאָל שוואַך געוואָרן און זיך געפּליאָנטערט. איך האָב גאָרנישט געקענט טאָן און טראַכטן. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן, כ׳וועל אָנהויבן לערנען מאַכן שטיוול, און אויף אַזאַ אופן אויספילן די צייט, און זיי...

שפּעטער האָט טאָלסטוי געזאָגט:

— ענטשולדיקט, איך בין נישט קיין טאָלסטויאַנער.“
דאָס אַלץ דערוויסן מיר זיך ביי קופּרינען.

קענען מיר פאַרשטיין אַזאַ נשמה־צושטאַנד ביי טאָלסטויען, נאָך אַ גרויסער אָנשטרענגונג, וואָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט; ער האָט זיך פּשוט אָפּגערוט ביי זיין פריינד דעם שוסטער, ביים אַריבערגיין צו פיזישער אַרבעט.

אָבער אויף וואָס פאַרא סמך, דערציילט קופּרין די נאָר וואָס ציטירטע געשיכטע? קיין קוועלן, גיט ער נישט אָן, און ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, האָט ער וועגן דעם אַלעם, געלייענט אין די צייטונגען, געהערט דערציילן, אָדער איבערדערציילן.

דער פאַקט פון טאָלסטויס שוסטעריי, האָט פיל ווערסיעס, די וועלכע עס ברענגט קופּרין, קען אויף קיין פאַל, נישט דינען אַלס פאַקט, אויף וועלכן מיר קענען בויען. אויב מיר לייענען ביי קופּרינען, דאָס וואָס ער האָט געהערט וועגן ענין, אַז דאָס לערנען זיך די שוסטעריי, איז געווען פאַר טאָלסטויען אַן אָפּרו, נאָך אַ גייסטיק־שווערער

אָנשטרענגונג, וועלן מיר איצט הערן וואָס עס דערציילט וועגן דעם זעלבן עניין, אַן אַנדערע קוועלע :

דאָס איז אַן אַרטיקל א. נ. „צוויי בריוו פון טאָלסטויען“ פון א. איזיומאָוו, דערשינען דעם 21סטן נאָוועמבער 1935 אין דער פּאַריזער רוסישער צייטונג „פּאָסליעדניאַ נאָוואָסטי“ אונטער דער רעדאַקציע פון באַרימטן נ. מיליוקאָוו ; ווער עס איז דער שרייבער פון אַרטיקל א. איזיומאוו איז מיר נישט באַקאַנט, אָבער עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די דערמאָנטע צייטונג, האָט געהערט צו די סאַמע אינטערעסאַנטסטע און וואָגיקסטע וואָס די רוסישע עמיגראַציע האָט פון זיך אַרויסגעגעבן. די צייטונג פון 21סטן נאָוועמבער איז געווען געווידמעט דעם 25־טן יאָרצייט טאָלסטויס, און צווישן די מיטאַרבעטער האָבן זיך געפינען אַזעלכע נעמען, ווי דער קריטיקער געאָרגי אַדאַמאָוויטש, דער היסטאָריקער מ. אַלדאַנאָוו און אַלעקסאַנדראַ טאָלסטוי, (די לעצטע, איינע פון די טעכטער פון יאַסנעפּאָליאַנער זקן האָט ווי מיר ווייסן, געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָל אינעם אַ. נ. „פּראָבלעם טאָלסטוי“, און געווען אויך איר פּאָטערס סעקרעטאַר). די אייניקע אויסגערעכנטע נעמען פון באַטייליקטע, ווייזן וועגן דער ערנסטקייט פון דעם טאָלסטוי־נומער פון דער צייטונג, א. איזיומאוו, איז געווען אַלזאָ צווישן די באַטייליקטע פון דער אויסגאַבע.

אין זיין אַרטיקל, דערציילט דער לעצטער וועגן צוויי אומבאַקאַנטע טאָלסטויאישע בריוו, וואָס געפינען זיך אין אַרכיוו פון טשעכאָ־סלאָוואַקישן אויסער־מיניסטעריום, און וואָס זענען ביז היינט (ד. ה. אין די טעג פון שרייבן דאָס אַרטיקל, אין 1935 — יח. ק.) נאָך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אין דעם אַרטיקל דערציילט איזיומאָוו אַז איין בריוו איז געשריבן צו צו אַ געוויסן וו. י. אַלעקסעיעוו, אַ הויך עטישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך אַ רייכע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט, און אָט וואָס מיר לייענען ביי אים :

„וו. י. אַלעקסעיעוו איז געווען אַ שטוב־לערער אין יאַסנאַיאַ פּאָלאַנאַ, ביי די טאָלסטויס, ווו ער האָט געוווינט ביז יוני 1881, און האָט זיך זייער דערנענטערט צו ל. נ. טאָלסטוי. ער זאָל ווייזט אויס, האָבן אַרויסגעפירט טאָלטסויען אויפן וועג פון פאַר־


съ прикащиками и мужиками, онъ думалъ все объ одномъ
VIII
Въ тотъ день какъ Сергѣй Ивановичъ пріѣхалъ въ Покровское. Левинъ
Левинъ предлагалъ старику деревни, Платону
взять землю и
— Платону не выручить, Константинъ Дмитричъ, отвѣчалъ мужикъ
— Да какъ же Кирилловъ выручаетъ?
— Митюхѣ (такъ презрительно назвалъ мужикъ дворника)
Константинъ Дмитричъ, какъ не выручить. Этотъ нажметъ
да свое выберетъ. Онъ уже не пожалѣетъ, а дядя Фокашычъ
(такъ онъ назвалъ старика Платона) развѣ станетъ драть
шкуру съ человѣка. Гдѣ въ долгъ, гдѣ и спуститъ. Анъ и
не доберетъ. Тоже человѣкомъ.
— Да зачѣмъ же онъ будетъ спускать?
— Да такъ значитъ люди разные — одинъ человѣкъ только
для нужды своей живетъ, хоть бы Митюха, только брюхо
набиваетъ, — а Фоканычъ, правдивый старикъ. Онъ для души
живетъ. Бога помнитъ.
значительныя, какъ будто вырвались откуда-то изъ
заперти и всѣ стремясь къ одной цѣли, закружились въ его
головѣ, ослѣпляя его своимъ свѣтомъ.
— проговорилъ Левинъ, задыхаясь отъ волненія и
приподнявъ шляпу мужику,
пошелъ прочь къ
дому.

א זײטל קאָרעקטור פון „אננאַ קאַרענינאַ“
מיט ל. טאָלסטױ'ס אויסבעסערונגען.

איינפּאַכונג, און צווישן אַנדערס, האָט ער אים געגעבן לעקציעס פון מאַכן שיך".

האָבן מיר דאָ אַ גאַנץ נייע ווערסיע, אַ זייער ערנסטע, וואָס נישט נאָר זי לייקנט אָפּ אַלץ וואָס קופּרין דערציילט, נאָר מאַכט פון זיין דערציילונג, אַש און בלאָטע, וואָרם, פון די נאָר וואָס ציטירטע שורות, וועגן טאָלסטויס שוסטעריי, וועגן וועלכע איזיומאָוו דערמאָנט, אין שייכות מיט די צוויי ביז לעצטנס אומבאַקאַנטע טאָלסטויאישע בריוו, קומט אויס אַז די שטיוול־אַרבעט, האָט גאָרנישט געהאַט קיין געמיינזאַמעס מיט זיין פיזישער און גייסטיקער מידקייט, נאָר איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ באַשטימטן איינפלוס אויף אים פון אַ הויך עטישער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אים דערפירט צו ענדערן דעם אופן פון זיין לעבן, און דערפון, דאָס אָנהויבן אויך פון מאַכן זיך אַליין זיינע שטיוול.

אַז מיר קענען נישט באַזירן אויף דער שרייבעריי פון קופּרינען, ווייסן מיר שוין, אין קעגנטייל, דאָס אַרטיקל פון איזיומאָוון, איז ביז גאָר ערנסט, און וואָלט עס נישט פאַרמאָגט אַ סך עלעמענטן פון אמת, וואָלט מסתמא דערויף רעאַגירט אַלעקסאַנדראַ טאָלסטוי גופא, וואָס איז נישט נאָר געווען אַן אָפטע מיטאַרבעטערן פון דער „פּאָסלעדניאַ נאָוואָסטי", נאָר אויך אירס אַ לייענערן, און זיכער אויך געלייענט אַלץ וואָס, אין דער צייטונג יעדנפאַלס, איז דערציילט געוואָרן וועגן איר פאָטער.

וואָלטן מיר דוכט זיך געקענט האַלטן, אַז דאָס מאָל, ווייסן מיר שוין אפשר דעם אמת, אָדער אַז מיר זענען נאָענט צו אים, איז עס אָבער ווייט נישט אַזוי... וואָרם מיט די צוויי געברענגטע ווערסיעס, איז דער ענין נישט געענדיקט.

אין אָנהויב פון דער אַרבעט, איז מיר אויסגעקומען צו דערמאָנען אַ געוויסע האַנדלונג פון טאָלסטויען, וועגן וועלכער עס שרייבט דער סקולפּטאָר נחום אַראָנסאָן; אין דעם זעלבן פריער דערמאָנטן קאַפּיטל זכרונות זיינע, דערציילט דער קינסטלער, אַז זייענדיק אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, האָט ער געהערט רעדן אַז טאָלסטוי מאַכט זיך אַליין שטיוול, און אָט וואָס מיר לייענען ביי אים:

„טאָלסטויס טיש איז געווען שווער באַלאָדן. זיין ווענטאַ־

דישע מאָלצייט וואָלט געקלעקט פאַר אַ גאַנצער פאַמיליע אויף אַ וואָך צייט. פון אַן אַנדער זייט האָט אָבער אַלץ געשטאַמט פון יאַסנאַיאַ פאָלאַנאַ גופא. אפילו די שטיוול, וועגן וועלכע עס זענען געגאַנגען קלאַנגען, אַז עס איז פאַר טאָלסטויען אַ פאַרגעניגן זיי אַליין צו נייען".

—„זעט נאָר, לעוו ניקאָלאַיעוויטש — האָב איך אים אַמאָל וועגן דעם געפרעגט — צי וואָלט עס נישט געווען ריכטיק איבערצולאָזן די דאָזיקע אַרבעט פאַר אייער שוסטער? ער נויטיקט זיך דערין מער ווי איר".

„טאָלסטוי האָט מיר באַוויזן אינדערווייטנס דאָס הייזל פון יאַסנאַ-פאָליאַנער קאַמאַשן-מאַכער:

„זעט איר דאָס שטיבל? מיין באַקאַנטשאַפט מיט זיין באַלעבאָס, דעם שוסטער איז געוואָרן אַן אָנצעפעניש פאַר דער גאַנצער לעגענדע. האָט איר ווען געלייענט די מעשה, וואָס איך האָב אָנגעשריבן וועגן אַ באַזוך פון מלאך מיכאל ביי אַ שוסטער? כדי צו קענען דאָס גענוי אַרומשרייבן, האָב איך געמוזט אַביסל פאַרברענגען ביי מיין שכן דעם שוסטער, און דערביי האָב איך אָן גרויס אָנשטרענגונג געלערנט די יסודות פון זיין חכמה. דערפון נעמט זיך די לעגענדע. אָט ווי מען שרייבט געשיכטע".

אַזוי דערציילט נחום אַראָנסאָן, און דער ענין באַקומט אַ גאַנץ נייע ליכט. מיר לייענען ביי אים וועגן רייד וואָס ער האָט געהערט פון טאָלסטויס מויל גופא, רייד וואָס לאַכן אויס די אַלע קאָמענטאַרן, „אָט ווי אַזוי מען שרייבט געשיכטע".

א. איזיומאָוו, דער דערמאָנטער מחבר פונעם אַרטיקל „צוויי בריוו פון טאָלסטויען", איז זייער ערנסט אין זיין שרייבן, אָבער ער ווייזט נישט אָן פון וואַנען האָט ער גענומען דעם פאַקט אַז ווי י. אַלעקסיעוו, דער הויז-לערער ביי דער פאַמיליע טאָלסטוי, האָט אים געגעבן לעקציעס פון שוסטעריי. די פערזאָן פון נחום אַראָנסאָן געניסט ביי מיר פון אַ גרויסן צוטרוי; איך האָב געהאַט דעם כבוד און דאָס פאַרגעניגן אים צו קענען פערזענלעך, צו קומען צו אים אין שטוב אַריין, און רעדן מיט אים וועגן פאַרשידענע ענינים, און אויך וועגן טאָלסטויען, נאָר וועגן דעם האָף איך נאָך צו דער-

ציילן אויף אַ צווייט אָרט. אַזוי אַז איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט אים צו קענען אַביסל נעענטער: דאָס איז געווען זייער אַן אינטעליגענטער און דער עיקר, זייער איידעלער מענטש, און איך האָב דאָס טיפע געפיל, אַז זיינע זכרונות וועגן טאָלסטויען, און די טאָלסטויאישע דערקלערונג אַרום דעם ענין פון זיין שוסטעריי, פּאַרדינען צוטרוי, און דאָך ווייסן מיר שוין נישט ווי צו געפינען דעם אמת, און ווער ווייסט צו מיר וועלן אים אַמאָל יאָ געפינען. צופיל מענטשן האָבן זיך געמישט אין לעבן פון טאָלסטויען. און יעדער האָט דערציילט אויף אַן אנדערן אופן, מיט זיינע אויגן און מיט זיין געוויסן... און מיט זיינע שוואַכקייטן, און מיט זיינע אויסרעכענונגען, וואָס האָבן פיל מאָל, זייער פיל מאָל אינגאַנצן נישט געשטימט מיט דעם אמת, צו וועלכן טאָלסטוי האָט אַזוי געשטרעבט.

איז דער אמת וועגן אים, געוואָרן אַזוי נעפּלדיק, און דער ברייטער עולם לייענט וועגן אים אַזוי פיל נישט זיכערע זאַכן, וואָס ווערן צוגעטראָגן ווי דער הייליקסטער אמת, ווי דער סאַמע זיכערסטער, אין וועלכן קיין שום פאַרנונפטיקער מענטש טאָר נישט צווייפלען.

נישט נאָר אַזאַ מענטשל ווי עס שטעלט מיט זיך פאָר קופּרין, און זיינס גלייכן, נאָר אפילו אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי דער נאָבעל־פּרייזטרעגער, דער רוסישער שרייבער איוואַן בונין, באַמיט זיך צו פעלטשן דאָס גייסטיקע פּנים פון טאָלסטויען, פּרובירנדיק אין זיין בוך „די אויסלייזונג פון טאָלסטויען" אַריינטייטשן, אין געוויסע האַנדלונגען זיינע, בעת די סאַמע לעצטע טעג פון זיין לעבן, אַ ווילן זיך איבערצובעטן מיט דער קירכע.

עס איז מיר שוין אויסגעקומען צו לייענען אַז טאָלסטוי פלעגט, אַוועקזעצנדיק זיך שרייבן אַ ניי ווערק, זיך איבערצלמען; נאָר אַ טיילווייזער אמת איז אין דעם פאַראַן, און איך האַלט פאַר וויכטיק דאָ צו ציטירן דעם טאָג־בוך פון סאָפיאַ אַנדרעיעוונאַ טאָלסטוי, פון 3טן אָקטאָבער 1908, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם ענין, אָט וואָס מיר לייענען דאָרט:

„טשערטקאָוו וואָס איז ביי אונדז יעדן טאָג, איז נעכטן אַריינגעגאַנגען אין צימער פון לעוו ניקאָלאַיעוויטשן און גערעדט מיט אים וועגן צלמען זיך; נישט ווילנדיק האָב איך, פון זאַל, געהערט

זייער שמועס. ל. נ. האָט געזאָגט אַז פון געוווינהייט טרעפט אַמאָל, אַז ער צלמט זיך, פּונקט ווי, אויב עס טוט נישט אין דעם מאָמענט טפילה די נשמה, ווייזט דער גוף אַרויס אַ צייכן פון טפילה טאָן. טשערטקאָוו האָט אים דערויף געזאָגט, אַז עס קען זייער לייכט געשען, אַז שטאַרבנדיק אָדער שטאַרק ליידנדיק, וועט ל. נ. זיך צלמען, און די וואָס וועלן אים אַרומרינגלען, וועלן מיינען אַז ער איז אַריבער אָדער וויל אַריבער אין פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן. אַז מען זאָל אַזוי נישט טראַכטן, וועט טשערטקאָוו פאַרשריבן אין זיין נאָטיצן־ביכל דאָס וואָס עס האָט אים איצט געזאָגט ל. נ.“

אַזוי זעט אויס דער אמת וועגן טאָלסטויס צלמען זיך, וואָס איז גאָר אַ רעזולטאַט פון אַ געוואַלטיקער געוווינהייט פון די סאַמע פריסטע קינדער־יאָרן אָן, און פלעגט געשען, קעגן זיין ווילן.

וועגן דעם ווי אַזוי דער אמת וועגן טאָלסטויען איז פאַרקריפּלט, דורך הונדערטער דערציילערס, איז פאַראַן אַ סך צו זאָגן, אָבער די קליינע פּרובע וואָס איז דאָ געמאַכט געוואָרן, וועט אפשר ווירקן אויף אַ באַשטימטער צאָל לייענערס צו אַ געווויסער פאָרזיכטיקייט, און רעזערוו צו די מעשיות פון די אַלצווייסערס וועגן דער פּערזאָן פון ל. נ. טאָלסטוי, און אויב עס וועט אַזוי געשען, וועט דער שרייבער פון די שורות, האַלטן זיין ציל פאַר טיילוויז דערגרייכט.

3

און איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן טאָלסטויען און יידן :

פונקט ווי מען לייענט זייער פיל מעשיות וועגן טאָלסטויען, וואָס זענען ווייט פונעם אמת, אַזוי איז אויך הימל־ווייט פון אמת די מעשיות וואָס באַווייזן זיך אין דער יידישער פּרעסע, וועגן טאָלסטויען אַלס יידן־פיינט ; נאָר מענטשן וואָס האָבן נישט די מינדסטע אַנונג וועגן טאָלסטויס לערע, וועגן דעם וואָס ער האָט געזוכט, געוואָלט און געפּרעדיקט, קענען אַרויסקומען מיט אַזעלכע נעבעכדיק־לעכערלעכע באַשולדיקונגען, אין יידן־פיינטשאַפט.

עס איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן, אַז טאָלסטוי האָט צוזאַמען מיט אַלעם וואָס ער האָט געירשנט פון זיין סביבה, היים און געזעלשאַפט, אפשר אויך געירשנט אַן אַנטיפּאַטיע צו יידן. אַזאַ זאַך איז זייער מעגלעך, אָבער דורך קיינעם נישט באַוויזן, און מיר ווייסן וועגן דעם אינגאַנצן גאָרנישט. דערפאַר ווייסן מיר אָבער וועגן דער מלחמה וואָס ער האָט געפירט נישט נאָר קעגן דער שלעכטער וועלט, נאָר אויך קעגן זיך גופא, זוכנדיק זיך צו באַפרייען פון שלעכטע אינסטינקטן, ווי בכלל פון געפילן וואָס זענען נישט ערלעך און נישט יושרדיק. זיין גאַנצע לעבנס־פילאָזאָפיע, האָט ער געבויט אויפן „זאָלסט ליב האָבן דעם נאָענטן ווי זיך אַליין“, און אויף דעם וועג, האָבן ביי אים נישט עקזיסטירט קיין שום קאָמפּראָמיסן ! טאָלסטוי איז בכלל נישט געווען פעאיק צו קאָמפּראָמיסן, און די איינצלנע קאָמפּראָמיסן וועלכע ער האָט יאָ געמאַכט, דאָס פאַרקויפן דעם מאַנוסקריפּט פון זיין ראָמאַן „תחית המתים“, נאָך

דעם ווי ער האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אָפּגעזאָגט פון האָנאָראַר, און נאָך אייניקע, וועגן דעם איז פּאַראַן אַ סך צו דערציילן, און זיי שטעלן אים אַוועק אין אַ גאַנץ ספּעציעלער אײדעלער לאַגע, הויבן אים אויף צו דער מדרגה פון אַ הייליקן. ער האָט נישט געקענט קלויבן צווישן אַ גרעסערער און קלענערער שלעכטס. ער האָט ביידע אָפּגעוואָרפן, און אַז זיין לעבן איז דעריבער געווען שווער האָב איך שוין דערציילט אין אָנהויב פון דער אַרבעט. טאָלסטוי דער אַנטיסעמיט און יידן⸗פיינט איז אַ גרויסע אומפּאַראַנטוואָרטלעכע פּלוידעריי.

אַזוי למשל, געפינט זיך אין מיין האַנט אַ פּאַריזער „היינט“ פון 19⸗טן סעפּטעמבער 1928, אין וועלכן דער באַקאַנטער ציוניסטישער טוער, י. קלינאָוו גיט איבער אין אַן אַרטיקל א. נ. „דער צדיק אין פּעליץ“ אַ דעראינערונג וועגן אַן אָוונט אין יאָר 1916 אין פּעטראָגראַד, אויף וועלכן מרדכי טשעמערינסקי, האָט גערעדט פּאַר אַ גרעסערן עולם וועגן זיין ביבל⸗איבערזעצונג, און אין מיטן דער רעדע, אַרויסגעטרעטן קעגן טאָלסטויען, דערקלערנדיק:

„איך האָב געפינען — האָט ער געשריגן — ביי טאָלסטויען אַן אָרט, ווו ער זאָגט: איך האָב מיך באַקאַנט מיט דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, האָב איך געפינען אין דער ביבל אַן אוצר פון פּערלען און גייסטיקע בריליאַנטן, און איך בין פון איר אַרויס אַ דערקוויקטער. אָבער ווען איך האָב מיך איינגעטונקט אין תלמוד, בין איך פון אים אַרויס ווו פון אַ „פּאַמוינאַיאַ יאַמאַ“...

און י. קלינאָוו, זאָגט וועגן די איבערגעגעבענע רייד פון טשעמערינסקין, פּאָלגנדיקעס:

„זינט דעמאָלט זוך איך די דערמאָנטע ציטאַטע וועגן דער ביבל און תלמוד ביי טאָלסטויען, און קען זי נישט געפינען. איך האָב גערעדט מיט פּאַרשידענע מענטשן וואָס זענען בקי אין טאָלסטויס ווערק, און קיינער ווייס וועגן דעם נישט, איך האָב מיט דער צייט אָנגעהויבן צווייפלען צו עס עקזיסטירט בכלל אַזאַ שטעלע ביי טאָלסטויען, און דער דאָזיקער חשד פּאַרשטאַרקט זיך נאָך אין די וואָכן ווען וועגן טאָלסטויען ווערט געדרוקט בערג מיט מאַטעריאַלן און אַלע מעגלעכע „געפערלעכע“ אויסדרוקן וואָס טאָלסטוי האָט אַמאָל געמאַכט, ווערן „ענטהילט“.

וואָלטן זיך ביי טאָלסטויען געפינען אַזעלכע שורות ווי די וועגן וועלכע מ. טשעמערינסקי האָט אים צוגעשריבן, וואָלטן זיי נישט פאַרבליבן קיין סוד, זיי וואָלטן געווען דאָס טרויעריקע אייגנטום פון איטלעכן, ווי אַזוי מ. שט. האָט געקענט קומען דערצו איז אונדז טאַקע נישט באַוווּסט, אָבער אַן אומגעהויערע אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט איז עס געווען, ווייל עס האָט נישט קיין שייכות מיטן אמת.

איינער פון די זייער אָפטע ארויסטרעטער קעגן טאָלסטויען דעם מאָראַליסט, איז דער יידישער שרייבער א. אַלמי פון ניו יאָרק. ער לאָזט ממש נישט דורך קיין געלעגנהייט, נישט צו פרובירן באַווייזן די נישט אויסגעהאַלטנקייט פון דעם יאַסנעפּאָליאַנער פרעדיקער. אַזאַ זאַך איז לייכט, זייער לייכט, בפרט ווען ער אָפּערירט מיט אַ צווייפלהאַפטן מאַטעריאַל, און גיט זיך אפילו נישט די מי צו קאָנטראָלירן דעם ווערט פון די מאַטעריאַלן אויף וועלכע ער באַזירט זיך. וואָרם, ווען אַ. אַלמי וואָלט טאַקע געווען איבערקלייבעריש אין די מאַטעריאַלן פון וואַנען ער שעפּט זיין „טאָלסטוי־ווייסנשאַפט", וואָלט נישט מעגלעך געווען דאָס אַרויסקומען זיינס אין דער ניו יאָרקער „פרייער אַרבעטער שטימע" פון 14טן אויגוסט 1953, אין זיין אַרטיקל א. נ. „טאָלסטוי, און זיין באַציאונג צו יידן", אין וועלכן ער שרייבט וועגן דער פּרעכטיקער פיגור פון אידעאַליסט שטערטקאָוו אַלס אַנטיסעמיט, אַ דערקלערונג, וואָס איז אויף גאָר נישט באַזירט, און איז אויך פולשטענדיק פאַלש, אַן אויסדרוק וואָס איז אומפאַרצייַלעך אומפאַראַנטוואָרטלעך. אַ. אַלמי האָט אַ מערקווירדיקע הנאה אַרונטערצורייסן טאָלסטויען און ממילא אויך זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, מעג עס אַפילו זיין מיט די סאַמע אומדערהערטסטע מיטלען, ווי דאָס איז דער באַרבאַרישער אויסדרוק „דער אנטיסעמיט טשערטקאָוו", און באַשולדיקן טשערטקאָוון אין אַנטיסעמיטיזם, גיט אויך אַ רעכט די זעלבע באַשולדיקונג אָנצוווענדן קעגן טאָלסטויען.

וו. נ. טשערטקאָוו, האָט געהערט צו די סאַמע אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייטן אין דעם פּראָבלעם טאָלסטוי; מען קען איבערהויפּט נישט באַהאַנדלען די פערזענלעכקייט פון טאָלסטויען אָן צו רעדן וועגן דער גרויסער ראָל וואָס טשערטקאָוו האָט אויסגעפירט די לעצטע דרייסיק יאָר פון טאָלסטויס לעבן .דאָס איז געווען אַ

הויך עטישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט איבערגעריסן מיט דעם אַריסטאָקראַטישן קרייז פון וואַנען ער האָט געשטאַמט, אָפּגעזאָגט זיך פון דער גרויסער קאַריערע וואָס ער האָט געקענט מאַכן, דינענדיק דעם צאַריזם. ער איז אַוועק צום פשוטן פאָלק און זיין איינציקער ציל איז געווען דאָס פאַרשפּרייטן טאָלסטויס פּרעדיקונגען, פאַר וואָס ער האָט זיך מקריב געווען, געווען פאַרשיקט, אָפּגעריכט עמיגראַציע א. א. אָט אָ דעם מענטשן דערקלערט א. אַלמי אַלס אַנטיסעמיט.

איך האָב שוין געלייענט זייער פיל וועגן דער פּערזאָן פון טשערטקאָוון, אָבער אַלמי איז דער איינציקער וואָס באַשולדיקט אים אין אַנטיסעמיטיזם! עס וואָלט פאַרשטייט זיך נישט אויסגעמאַכט, ווען אַ. אַלמי גיט אויך אָן די קוועלע פון זיין אויסטערלישער ידיעה.

ווער ווייס צו ער האָט זי נישט אַמאָל געגומען ביי... קופּרינען. אָדער ווי קופּרין, עס געהערט דערציילן...

א. אַלמי און אַנדערע באַנוצן זיך אָפט אין ענין טאָלסטוי מיט דעם שרייבן פון א. טענעראמא. דער לעצטער דינט פאַר פיל יידן ווי אַ זיכערער דאָקומענטאַציע־מאַטעריאַל.

ווער איז טענעראָמאָ ?

זיין אמתער נאָמען איז געווען פייערמאַן, און געווען איינער פון די ערשטע טאָלסטויאַנער. נאָכן ענדיקן די מיטל־שול, האָט ער זיך באַזעצט אין יאַסנאַיאַ־פּאָליאַנאַ, געווען אַ שטיקל צייט לערער, און דערנאָך געלעבט און געאַרבעט ביי אַ יאַסנע־פּאָליאַנער פּויער. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן שרייבן, און האָט פאַרעפנטלעכט, אונטערן פסעוודאָנים טענעראָמאָ, ביכער און אַרטיקלען איבער טאָלסטוין. זאָל זשע דאָ דערציילט ווערן, אַז אין 63סטן באַנד פון טאָלסטויס אַלע ווערק, דערשינען אין מאָסקווע אין 1934, ווערט דערציילט, אַז טענעראָמאָ האָט פיל פון זיינע אייגענע געדאַנקען, צוגעשריבן טאָלסטוין, און וואָס נאָך וויכטיקער, אַז וועגן זיין בוך א. נ. „טאָלסטוי און די יידן פראַגע", דערשינען אין 1908, זאָל טאָלסטוי זיך האָבן אויסגעדרוקט, „ווסיאָ ווראניע", ד. ה. אַז עס איז לויטער בלאָף, ליגן.

און מיט וואָס פאַראַ זיכערקייט אַלמי און אַנדערע באַנוצן זיך דאָס מיט דעם וואָס טענעראָמאָ שרייבט און דערציילט.

ווי געוואַלטיק דעליקאַט עס איז דאָס פּראָבלעם טאָלסטוי, און ווי ווייט מיר דאַרפן זיין פאָרזיכטיק מיט דעם מאַטעריאַל וואָס מען דערציילט אונדז וועגן אים גופא, איז וויכטיק אויך אָנצוווייזן, אַז אפילו דאָס בוך זכרונות פון דעם גרויסן פּיאַניסט גאָלדענווייזער, אַ שטובפריינט פון דער גאַנצער פאַמיליע טאָלסטוי, וואָס פלעגט פיל פון זיין צייט פאַרברענגען ביי טאָלסטויען, און מיט זיין שפּילן, אָפט אַרויסגערופן טרערן אין טאָלסטויס אויגן, אַז אויך זיינע זכרונות זאָלן נישט זיין פריי פון פעלערן, וועגן דעם דערציילט נישט קיין אַנדערער, ווי די סאַמע אויטאָריטעטסטע פערזאָן, אַלעקסאַנדראַ טאָלסטוי, אָט וואָס מיר לייענען אין אירע זכרונות:

„גאָלדענווייזער האָט אין זיינע נאָטיצן זיך באַנוצט מיט קלאַנגען און מיט דערציילונגען פון דריטע פערזאָנען, פון וואָס אין זיין בוך האָבן זיך אַריינגעגנבעט געוויסע נישט פּינקטלעכקייטן“.

*

ווען אַלע וואָס שרייבן וועגן טאָלסטויען, וואָלטן אָפּגעפּילט דאָס וואָס עס האָט אָפּגעפּילט טאָלסטוי גופא ביים נעמען די פעדער אין דער האַנט אַריין, וועגן וואָס מיר לייענען אין זיינס אַ בריוו צו סאַלטיקאָוון:

„נאָר ווען דו שרייבסט דאָס וואָס עס וועלן אין אַ יאָר אַרום לייענען מיליאָנען, און לייענען אַזוי ווי זיי לייענען, באַפאַלט מיך אַ נישט דרייסטקייט און אַ צווייפל“.

ווען אַלע וואָס שרייבן, וואָלטן געהאַט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם וואָס זיי טוען, וואָלט נישט אויסגעוואַקסן דער גאַנצער פּליאָנטער, אַרום דער פערזענלעכקייט פון טאָלסטויען.

אָבער דער פּלאָנטער וועט ווייניק וואָס ענדערן, טאָלסטוי וועט פאַרבלייבן אין זכרון פון דער מענטשהייט ווי איינער פון אירע שענסטע און איידלסטע נשמות, וואָס האָט געקעמפט און געליטן זוכנדיק דעם וועג צו גליק פאַר אַלע אירע קינדער.

טאָלסטוי אין פעלד
(צייכענונג פון י. ריעפּין)

אַביסל געשיכטע

16

אַ בינטל נאַפּאָלעאָנישע בריוו

נישט געקוקט דערויף, וואָס די פאָרשונגס־ליטעראַטור וועגן דער נאַפּאָלעאָנישער עפּאָכע איז אַזוי רייך, שווימען כסדר אַרויס פרישע מאַטעריאַלן — וועלכע הויבן אַלץ מער אויף דעם פאָרהאַנג איבער יענער צייט און מיר דערוויסן זיך פיל פאַרשידענע אינטערעסאַנטע זאַכן. אַזוי האָבן מיר אויך נישט געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון גאַנצע דריי הונדערט אַכטצן בריוו, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געשריבן צו זיין צווייטער פרוי, מאַריע־לואיזע, פאַר די פאָר יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן — פון יאָר טויזנט אַכט הונדערט צען, ביזן יאָר טויזנט אַכט הונדערט פערצן, דאָס יאָר ווען ער איז פאַרשיקט געוואָרן אויף דעם אינדזל עלבע, און יעדע פאַרבינדונג צווישן נאַפּאָלעאָנען מיט זיין פרוי, איז ענטגילטיק איבערגעריסן געוואָרן.

די אַזוי פיל יאָרן אומבאַקאַנטע קאָלעקציע פון גאַנצע דריי הונדערט אַכטצן נאַפּאָלעאָנישע בריוו צו זיין פרוי, זענען געווען דאָס אייגנטום פון מאַריע־לואיזעס אַ ווייט אייניקל, וואָס האָט, נויטיקנדיק זיך אין געלט, פאַרקויפט די בריוו און אַזוי אַרום האָט מען באַקומען אַ צוטריט צו דער געוואַלטיק־רייכער קאָלעקציע דאָקומענטן און צו לייענען בריוו נאָך בריוו וועגן די לעצטע פאָר יאָר פון נאַפּאָלעאָנס הערשן, געשריבן פון אים אַליין, כמעט ווי אַ טאָג־בוך פון גרויסן היסטאָרישן ווערט וועגן געשעענישן, וואָס האָבן געמאַטערט דאָס דעמאָלטיקע אייראָפּע, ביז דער „אָדלער“ איז לסוף פאַרשפּאַרט געוואָרן אויף דעם ווייטן פאַרוואָרפענעם אינדזל, ווו ער איז אויסגעגאַנגען אַלס ענגלישער געפאַנגענער.

מיר ווייסן דאָך גוט די געשיכטע מיט נאַפּאָלעאָנס ערשטער פרוי זשאָזעפינע, מיט וועלכער ער האָט איבערגעריסן צוליב דינאַס=

טישע טעמים. זי האָט אים נישט געבוירן קיין טראָן=יורש און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, ער זאָל ווידער אַמאָל חתונה האָבן. פון אַנפאַנג האָט מען אונטערגעהאַנדלט מיט אַלעקסאַנדער דעם ערשטן פון רוסלאַנד, וועגן זיין שוועסטער און אָפּגעשטעלט האָט מען זיך אויף דער אַכטצן יאָריקער שיינקייט מאַריע=לואיזע, די טאָכטער פון עסטרייכישן קיסר, דעם סאַמע גרעסטן יחוס פון יענער צייט.

מיר ווייסן אויך ווי אַזוי נאַפּאָלעאָן איז געווען געשמייכלט, וואָס זיין ערשטע פרוי זשאָזעפינע איז געווען אַ מאַרקיזן. דער יונגער נאַפּאָלעאָן באַנאַפּאַרט האָט קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן איר גאַנצער טונקעלער פאַרגאַנגענהייט. די שוואַכקייט זיינע נאָך כבוד, האָט אים קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזט, און שוין אַלס הערשער איבער אייראָפּע האָט ער געזען אין זיין שידוך מיטן קייסערלעכן הויף פון עסטרייך, נאָך אַ שפּאַן העכער צום רום. די אונטערהאַנדלונגען מיט עסטרייך האָבן געדויערט גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה, פּונקט אַזוי פיל צייט וויפל נאַפּאָלעאָן האָט געגעבן דעם עסטרייכישן אַמבאַסאַדאָר דעם גראַף שוואַרצענבערג, וואָס האָט זיך שוין פריער וועגן דעם געהאַט פאַרשטענדיקט מיט זיין קיסר — און אַזוי אַרום איז צושטאַנד געקומען דער פּאָליטישער שידוך צווישן דעם פערציק יאָריקן נאַפּאָלעאָן און דער אַכטצן יאָריקער שיינער, נאָר מיט מער נאָרנישט זיך אויסצייכענענדיקער מאַריע=לואיזע.

די קאָלעקציע הויבט זיך טאַקע אָן מיטן ערשטן בריוו, וואָס נאַפּאָלעאָן שרייבט צו זיין כלה, דעם דריי און צוואַנציקסטן פעברואַר טויזנט אַכט הונדערט צען, און וואָס הויבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע ווערטער :

„מיין קוזינע,

די גלענצנדיקע מעלות אייערע האָבן אונדז באַוויגן זיך צו ווענדן צום קיסר, אייער פאָטער, מיט דער ביטע אָנצוטרויען אונדז דאָס גליק פון אייער מאַיעסטעטישער הויכקייט. צו קאָנען מיר האָפן, אַז איר וועט טיילן דאָס געפיל, וואָס האָט אַרויסגערופן אונדזער ביטע ? צו קאָנען מיר זיך טרייסטן, אַז אייער איינשטימיקייט וועט נישט זיין בלויז אַ רעזולטאַט פון אייער געהאָרכזאַמקייטס=פליכט צו אייערע עלטערן ?“



נאַפּאָלעאָן דער ערשטער
(צייכענונג פון בען)

און נאָך דעם שרייבט ער אין דעם זעלביקן בריוו, אַז ער בעט גאָט זי זאָל אים ענטווערן אַזוי ווי ער ווינטשט זיך — און ענדיקט מיט

„אייער טרייער קוזין נאַפּאָלעאָן“.

אַזוי הויבט זיך אָן זיין קאָרעספּאָנדענץ. אין דעם בריוו זעען מיר ווי אַזוי נאַפּאָלעאָן איז אַריין אין דער ראָלע פון אַ קייסער, פון אַ גרויסן האַר, ווי אָנשטאַט „איך“, באַנוצט ער זיך מיט דעם גוט באַקאַנטן „מיר“, „אונדז“ און פאַרענדיקט מיט „אייער קוזין“.

אָבער דער נאָר וואָס ציטירטער ערשטער בריוו פון נאַפּאָלעאָנען צו זיין יונגער כלה איז ספּעציעל אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש צוליב אַן אַנדערער סיבה:

עס איז גוט באַוווּסט נאַפּאָלעאָנס נערוועזיטעט ביים שרייבן, אַ נערוועזיטעט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטייגן און וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז זיין שרייבן איז פון מאָל צו מאָל געוואָרן אַלץ ווייניקער לייענבאַר. לסוף האָט ער כמעט אויפגעהערט צו שרייבן. ער פלעגט פירן אַן אומגעהויער גרויסע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון זיינע סעקרעטאַרן, ער פלעגט זיך נאָר אונטערשרייבן, דערנאָך, ביים אונטערשרייבן זיך, איז ער געוואָרן אומפּעאיק אַפילו אויפצושרייבן זיין נאָמען, אים אָנגעהויבן אַלץ מער צו פאַרקירצן, פון „נאַפּאָלעאָן“ אָנגעהויבן אַריבערצוגיין צו „נאַפּ“ און לסוף האָט ער שוין נישט געקאָנט מער אָנשרייבן ווי אַ „נ“. פון זיין גאַנצער געוואַלטיק גרויסער קאָרעספּאָנדענץ זענען די דריי הונדערט אַכטצן בריוו געווען אַן אויסנאַם, וואָרם זיי זענען אַלע געשריבן פון אים פערזענלעך. אָבער צוליב זיין נערוועזיטעט זענען די אָריגינאַלן ממש נישט מעגלעך צו לייענען.

בעת די פאַריזער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק איז געוואָרן די אייגנטימערין פון די בריוו, האָט איטלעכער באַקומען אַ געלעגנהייט זיי צו זעען אויף אַ ספּעציעל איינגעאָרדנטער אויסשטעלונג, וווּ נעבן יעדן נאַפּאָלעאָנישן בריוו איז געווען בייגעלייגט אַ ספּעציעל איבערגעשריבענער טעקסט. מאַריע־לואיזע האָט טאַקע נישט געקאָנט לייענען די בריוו, נאָר עס געטאָן מיט דער הילף פון סעקרעטאַרן, וואָס האָבן זיך געקענט אויף נאַפּאָלעאָנס האַנטשריפט. דער איינציקער בריוו, וואָס איז אין אָריגינאַל יאָ לייענבאַר, איז דער פריער ציטירטער ערשטער

בריוו, וועלכן נאַפּאָלעאָן האָט געשריבן צו זיין כלה. ער האָט זיך אָנגע־טאָן אַ גרויסן כח, סטאַרענדיק זיך צו שרייבן קלאָר, כדי צו געפעלן זיין קומענדיק יונג און יהוסדיק ווייבל, וועלכעס ער האָט נאָך נישט געקאָנט און וואָס האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין קיין פּאַריז.

דערוואַרטנדיק איר אָנקום שיקט איר נאַפּאָלעאָן אומגעדולדיקע בריוו, פול מיט זאָרג וועגן איר ליבע צו אים. אין איינעם פון זיי, פון צוואַנציקסטן מערץ טויזנט אַכט הונדערט צען, לייענען מיר :—

„... איר וועט ליב קריגן מאַדאַם, אַ מאַן, וואָס וויל פאַר אַלעם אייער גליק און וועמענס רעכט זאָלן זיך שטיצן אויסשלי־לעך אויף אייער צוטרוי און אויף די געפילן פון אייער האַרץ. איך קלער, אַז איר זענט שוין זייער נאָנט צו פראַנקרייך און וואַרט אייך אָפּ מיט זייער פיל אומגעדולד“.

פיר טעג שפּעטער, דעם פיר און צוואַנציקסטן מערץ, שרייבט נאַפּאָלעאָן איר ווידער אַ בריוו, דאָס מאָל אויף אַן אָנגעקומענעם ענטפער. אָט וואָס מיר לייענען :

„... איר שרייבט מיר אַזוי אָנגענעם און גיט מיר אַזעלכע רירנדיקע פאַרזיכערונגען, אַז מיין האַרץ איז שטאַרק גערירט“.

אַזוי שרייבט איר נאַפּאָלעאָן זיינע ערשטע בריוו. בלויז אין דעם ערשטן חודש מערץ שיקט ער איר איבער זיבן בריוו. פּערזענלעך האָט ער זי נאָך קיינמאָל נישט געזעען, ער קאָן די דאָזיקע פּרינצע־סין נאָר פון בילדער און איז אין איר שוין ליידנשאַפטלעך פאַרליבט.

זיין ליבע איז געווען אַ קעגנזייטיקע. מאַריע־לואיזע, כאָטש זי האָט אים קיינמאָל נישט באַזונדערס שטאַרק געליבט, האָט זיך אָבער צו אים שנעל צוגעוווינט — כדי אים אויך גיך צו פאַרגעסן. — און נאַפּאָלעאָן האָט גענאָסן פון אַ צופרידן פאַמיליע־לעבן. זייער חתונה איז פאָרגעקומען מיט אַ גרויסער פּאָמפּע. נאַפּאָלעאָן האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלע איינצלהייטן, זיך געגריבלט אין אַלטע אַר־כיוון וועגן די צערעמאָניעס ביי אַמאָליקע פייערלעכקייטן און חתו־נות פון פאַרשידענע געקרוינטע פּערזענלעכקייטן. און לויט אַן אַלטן מנהג האָבן גייסטלעכע געבענטשט זייער חתונה־בעט... אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט עלף האָט מאַריע־לואיזע געבוירן אַ זון, דאָס „אָדלערל“, וואָס האָט גלייך נאָכן געבוירן ווערן, באַקומען דעם טיטל „קיניג פון רוים“.

דער „קיניג פון רוים" האָט נאַפּאָלעאָנען קיין גליק נישט געבראַכט, וואָרום ער הויבט זיך אָן גרייטן צו דער רוסישער מלחמה, וואָס האָט אים דערפירט צום אונטערגאַנג.

אַ באַרימטער פראַנצויזישער היסטאָריקער, אַנרי מאַרטאַן, האַלט אַז נאַפּאָלעאָנס אונטערגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פאַרשפּילן די „פעלקער־שלאַכט" ביי לייפּציג, וועגן וועלכער ער דרוקט זיך אויס: „נאַפּאָלעאָן האָט געמעגט געווינען פערציק שלאַכטן און נישט געטאָרט פאַרשפּילן איינע". וואָס אונדז אינטערעסירט אָבער, איז, אַז אַלע איבעריקע בריוו פון נאַפּאָלעאָנען צו מאַריע־לואיזען זענען געשריבן געוואָרן פון גאַנצן וועג פון דער רוסישער און אַנדערע מלחמות אין די יאָרן פון טויזנט אַכט הונדערט צוועלף ביז טויזנט אַכט הונדערט פערצן — ביז דאָס פאַרשיקן אים אויף דעם אינדזל עלבע. די בריוו דערציילן וועגן אַ פאַרליבטן און געטרייען מאַן און פאָטער. אין יעדן בריוו לייענען מיר: „מיין גוטע לואיזע, צווייפל נישט אין דיין מאַן"... „גיב אַ קוש דעם קליינעם קיניג"... „צוויי קוש — דריי קוש"... די דאָזיקע בריוו זענען אין דער זעלביקער צייט וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן, געשריבן פון דער סאַמער באַדייטנדיקסטער פּערזאָן פון יענער צייט. ווי וויניק נאַפּאָלעאָן האָט נישט געשריבן צו זיין פרוי וועגן די מלחמה־געשעענישן, דאָך, דאָס מאַטעריאַל, וואָס מיר לייענען אַרויס פון די בריוו, איז ביז גאָר אינטערעסאַנט.

אָפּפאָרנדיק אויף דער רוסישער מלחמה האָט נאַפּאָלעאָן געגלויבט, אַז אויך די מיליטערישע אַוואַנטורע וועט זיך אים בליץ־שנעל איינגעבן, פּונקט ווי אַלע פריערדיקע און אין איינעם פון די בריוו, געשריבן אין יוני טויזנט אַכט הונדערט צוועלף פון דייטשלאַנד — לייענען מיר:

„... נאָר דריי חדשים אָפּוועזנהייט און דערנאָך שטענדיק מיט דיר".

און מיר לייענען וועגן זיין געוואַלטיקער אַקטיוויטעט, זיין גרייטן זיך און זיין אָנהייבן די מלחמה, זיינע נסיעות פון שטאָט צו שטאָט, זיין טראָגן זיך איבער די אייראָפּעאישע צענטערס אַלץ נענטער צו דער רוסישער גרענעץ. אַזוי לייענען מיר אין זיין בריוו פון וויטענבערג, געשריבן דעם עלפטן יוני טויזנט אַכט הונדערט צוועלף:

„מיין גוטער פריינד,

איך האָב דערהאַלטן דיין בריוו פון זעקסטן יוני און ענטוועך דיר פון וויטענבערג. דעם גאַנצן טאָג האָב איך פאַרבראַכט אויף וויזיטירן אייניקע דיוויזיעס. עס איז זייער פאַרמאַטערנדיק צוליב די גרויסע היצן. איך בין געזונט. די נאַכט וועל איך שלאָפן אין דעסאַו, ווו איך דאַרף זען צען טויזט מאַן. מאָרגן פאָר איך אָפּ קיין מאַגדעבורג און דעם פערצנטן וועל איך זיין אין דרעזדן. גיב אַ קוש מיין זון און צווייפל קיינמאָל נישט. נאַפּאָלעאָן".

מיר פילן ממש זיין פיבערדיקע אַקטיוויטעט.

אין דער זעלביקער צייט דערהאַלט ער פון מאַריע־לואיזען בריוו, אין וועלכע זי קלאָגט זיך, אַז עס איז איר לאַנגווייליק און ער טראַכט צו אַ פּלאַן זי זאָל דערוויל, ביז ער וועט „צעשלאָגן די רוסן", מאַכן אַ נסיעה קיין עסטרייך צו אירע עלטערן. נאַפּאָלעאָן באַווייזט זיך דאָ פאַר אונדז אין אַ גאַנץ ספּעציעלער ליכט, ווי אַ מענטש וואָס איילט זיך נאָך אויסערלעכן עפעקט, כדי אויך אַזוי אַרום צו פאַרשטאַרקן זיין מאַכט. ער פאַראָרדנט מען זאָל אַרויסגעבן זיין פרוי געלט אויף דער נסיעה און מיר זעען ווי נאַפּאָלעאָן, דער אויפגעקומענער גביר, גיט עצות וועגן טאַקט און גוטן טאָן זיין פרוי, אַ געבוירענער פּרינצעסן פון גרעסטן אייראָפּעאישן קייסערלעכן הויף.

אָט וואָס מיר לייענען אין זיין בריוו פון מאַרינבורג אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט צוועלף:

„...גיב נישט קיין גאָלדענע טאַבאַק־שקעטעלעך. עס איז נישט אין פיינעם טאָן. האָב ביי זיך רינגלעך מיט דיין נאָמען צו צוועלף הונדערט, צוויי טויזנט, דריי טויזנט און זעקס טויזנט ליוור. גיב אַ סך געלט יעדן פון די, וואָס האָבן דיר אַמאָל געדינט און דיינע אַמאָליקע לערערס. רעד מיטן קייסער וועגן מיין דרך־ארץ פאַר אים און זאָג דער קייסערן, אַז איך בויג מיך צו אירע פיס".

אַזוי עצהט איר נאַפּאָלעאָן און צילט צו ווייזן די עסטרייכישע יחסנים, אַז זייער טאָכטער איז אין די ריכטיקע הענט, אַז זי האָט געטאָן דעם בעסטן שידוך...

דעם פינף און צוואַנציקסן יוני טויזנט אַכט הונדערט צוועלף שרייבט ער שוין:

„...דעם פיר און צוואַנציקסטן יוני, צוויי פאַרטאָגס בין איך אַריבער דעם ניעמען און אין אָוונט וועל איך אַריבער די וויליע. איך בין דער האַר פון קאָוונע. קיין שום וויכטיקס. איך בין געזונט. די היצן זענען זייער שטאַרק“.

אַזוי הויבט זיך אָן די מלחמה מיטן רוסשן בער. באַלד נאָך דעם בריוו פון קאָוונע לייענען מיר:

„מיין טייערער פריינד. איך בין אין ווילנע. דער שונא איז שטאַרק צעקלאַפּט. איך פיל מיך אויסגעצייכנט. איך טראַכט וועגן דיר. איך שטיי איין אין אַ גענוג שיין הויז, וואָס איז פריער געווען פאַרנומען פון קיסר אַלעקסאַנדער“.

און אַזוי כסדר, קורצע פראַזן, אייניקע שורות געשריבן מיט אַ מוראדיק אומפאַרשטענדלעכער האַנטשריפט, אָפט מיט נישט פאַרענדיקטע ווערטער פון אומגעדולד. אַלץ אָפטער קלאָגט ער זיך אויף די היצן, וואָס ווערן נישט צום אויסהאַלטן. ער הויבט שוין אָפטער אָן צו דערציילן וועגן צוזאַמענשטויסן און שלאַכטן מיטן שונא און עס הויבן זיך אָן צו באַווייזן ציפערן: „דער שונא האָט געהאַט דריי טויזנט דערהרגעטע“... „צען טויזנט דערהרגעטע“. ציפערן, וואָס ווערן נישט באַגלייט מיט קיין שום קאָמענטאַרן, גלייך ווי דאָ וואָלט זיך גאָרנישט געהאַנדלט וועגן טויזנטער אומגעברענגטע מענטשלעכע לעבנס. אין זיין בריוו פון אַכטצנטן אויגוסט טויזנט אַכט הונדערט צוועלף שרייבט ער:

„מיין פריינד, איך בין אין סמאָלענסק פון היינט אינדערפרי אָן. איך האָב איינגענומען די שטאָט נאָכן דערהרגענען זייערע דריי טויזנט מאַן און מער ווי דריי מאָל אַזוי פיל פאַרוווּנדעטע“.

און ווידער ענדיקט זיך דער בריוו מיטן קלאָגן זיך אויף די היצן... מען קאָן מיט רעכט זאָגן, אַז ער האָט געהאַט — קאַלט און וואַרעם...

ענדלעך שפּילט זיך אָפּ די שלאַכט ביי באָראָדינאָ. די גרעסטע מענטשן־שחיטה, וואָס די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבן געזעען. וואָס פאַר אַ ליטעראַטור איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דער דאָזיקער — מען קאָן זאָגן — לעצטער שלאַכט מיט דער רוסישער אַרמעע, וואָס האָט מיט איר פאַרנעם איבעראַשט נאַפּאָלעאָנען אַליין.

אָט וואָס ער שרייבט וועגן דעם אין זיין בריוו פון אַכטן סעפּטעמבער טויזנט אַכט הונדערט צוועלף:

„...נעכן האָב איך געשלאָגן די רוסן. איך האָב צעשמעטערט זייער גאַנצע שטאַרקע אַרמעי פון הונדערט צוואַנציק טויזנט מאַן. דער קאַמף איז געווען הייס. צוויי אַ זייגער איז דער זיג געווען אונדזערער. איך האָב גענומען פיל טויזנטער געפּאַנגענע, זעכציק האַרמאַטן. זייערע פאַרלוסטן קאָן מען רעכענען אויף דרייסיק טויזנט מאַן. איך האָב געהאַט אַ סך דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. עס ווערט אַ ביסל קאַלט“.

דער פאַרלוסט פון די רוסן איז געווען אַ סך אַ גרעסערער ווי נאַפּאָלעאָן האָט אים געשאַצט. צום ערשטן מאָל באַגעגענען מיר אין זיינע בריוו דאָס מודה זיין זיך אין האָבן אַ סך פאַרלוסטן, אין דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. און ווי מיר ווייסן עס היינט, איז נאַפּאָלעאָנס אַרמעי אויך געווען געוואַלטיק צעקלאַפּט. נאָר דאָס אָפּטרעטן פון די רוסן האָט דערווייל, אויסערלעך, פאַרדעקט זיין חורבן.

קוטוזאָוו נעמט אויף זיך די שווערע אויפגאַבע צו באַפעלן זיין אַרמעי אָפּצוטרעטן און נעפּאָלעאָן פאַרנעמט ענדלעך מאָסקווע, מיט וואָס ער האָט געהאָפט צו דערגרייכן אַ סוף פון דער אומגעריכט שווערער מלחמה. צוליב נישט באַוווּסטע סיבות הויבט אָן די שטאָט צו ברענען, צענדליקע רוסישע פייערים ווערן באַשולדיקט פון די פראַנצויזן אין אונטערצינדן מאָסקווע, און דערשאָסן.

אָט וואָס מיר לייענען אין זיין בריוו פון אַכטצנטן סעפּטעמבער:

„מיין פריינד,

איך האָב נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן דער שטאָט: זי האָט פאַרמאָגט פינף הונדערט פּאַלאַצן, אויך אַזוי שיין ווי דער עליזעי, מעבלירט לויט דעם פראַנצויזישן סטיל, מיט אַן אומגלויבלעכער רייכקייט, מערערע קיניגלעכע שלעסער, קאַזאַרמעס, פּראַכטפולע שפּיטעלער, אַלץ איז פאַרשוווּנדן. שוין פיר טעג, אַז דאָס פייער פאַרצערט די שטאָט. צוויי הונדערט טויזנט איינוווינערס זענען געבליבן אין פאַרצווייפלונג אויף דער גאַס...“

און לסוף ענדיקט ער דעם בריוו —

„...מיין קאַטאַר איז פאַרביי“.

מיר ווייסן וועגן דעם שווערן נאָז־קאַטאַר, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט

דורכגעמאַכט בעת דער שלאַכט פון באָראָדינאָ. דער דאָזיקער קאַמאַר איז פיל אויסגענוצט געוואָרן אויף צו חוזקן וועגן זיינע מיליטערישע פעאיקייטן. מען האָט זיך געוויצלט, אַז טאַקע צוליב דעם קאַמאַר, האָט ער פאַרשפּילט די רוסישע מלחמה.

און עס הויבט זיך אָן די טראַגעדיע פון דער פראַנצויזישער אַרמעי. קיינער, נישט נאַפּאָלעאָן, נישט פון דער רוסישער זייט, האָבן נישט געוווסט, וואָס מען זאָל אָנהויבן טאָן. נאַפּאָלעאָן האָט געהאָפט, אַז מיטן פאַרנעמען מאָסקווע וועט ער דערגרייכן דעם שלום. פון דער רוסישער זייט האָט מען אָבער וועגן קיין שלום נישט געטראַכט. צופיל האָט דער שונא געהאַט פאַרנומען רוסישע ערד. קיין פּלאַן איז אָבער נישט געווען, נאָר צערודערונג און אַן אומצופרידנקייט קעגן קוטוזאָוון.

און אָט לייענען מיר אין נאַפּאָלעאָנס בריוו צו זיין פרוי פון צוויי און צוואַנציקסטן סעפּטעמבער:

„. . . מיינע ענינים גייען גוט. איך האָב פאַרלאָזט מאָסקווע נאָכן אויפרייסן דעם קרעמל. איך האָב באַדאַרפט האָבן צוואַנציק טויזנט זעלנערס אַכטונג צו געבן אויף דער שטאָט און דאָס וואָלט מיך געקווען“.

מיר דערוויסן זיך אַזוי אַרום וועגן זיין אָפּטרעטן פון מאָסקווע און וועגן די סיבות.

יאָ, זיין אַרמעי איז געווען גוט צעמזיקט נאָך דער שלאַכט ביי באָראָדינאָ. דאָס האַלטן מאָסקווע איז, ווי נאַפּאָלעאָן איז זיך מודה, שוין נישט געווען מעגלעך.

די באָראָדינאָ=שלאַכט, וואָס האָט געקאָסט טויזנטער, פיל טויזנטער לעבנס, כדי צו פאַרנעמען מאָסקווע, ווייזט זיך אַרויס ווי אַ זעלבסטמאָרד פון פראַנצויזישן מיליטער און אָן יעטוועדער שלאַכט פאַרלאָזט נאַפּאָלעאָן די שטאָט.

ער באַשטעטיקט זיין דורכפאַל.

שוין אין נאַפּאָלעאָנס בריוו וועגן דער שלאַכט ביי באָראָדינאָ דערמאָנט ער, אַז „עס ווערט קאַלט. . . .“ דער רוסישער ווינטער איז אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט צוועלף אָנגעקומען זייער פרי מיט אַ געוואַלטיקער שטאַרקייט און אומרחמנותקייט, וואָס האָט שווער געטראָפן די פראַנצויזישע אַרמעי, וואָס איז איגאַנצן נישט געווען

„דאָס יאָר 1814“ פון מעיסאָניע.

דערצו גרייט. נאַפּאָלעאָנס אָפּטרעטן פון מאָסקווע דעקט אויף זיין שוואַכקייט און שטאַרקט אַזוי אַרום דעם מוט ביי דעם רוסישן מי־ליטער. עס אַנטשטייען פּאַרטיזאַנישע גרופּעס, וואָס באַפאַלן דאָס פראַנצויזישע מיליטער אומגעריכט אויף טריט און שריט, און רייסן פון זיי לעבעדיקע שטיקער... דאָס אָפּטרעטן פון דער „גרויסער אַרמעי" הויבט ביסלעכווייז אָן זיך אויסצושיילן אין אַ מוראדיקער, ביז דעמאָלט נאָך נישט געזעענער מפּלה. און מיר הויבן אָן ליי־ענען נאַפּאָלעאָנס בריוו אויף... צוריקוועגס, און ווי מערקוויר־דיק דאָס זאָל נישט קלינגען, לייענען מיר, כמעט אין יעדן בריוו, געשריבן פון אַן אַנדער אָרט, ביים אָפּטרעטן, די ווערטער:

„...מייע ענינים גייען זייער גוט..."

עס דערמאָנט אַ ביסל אין די מלחמה־קאָמוניקאַטן, ווען דאָס אָפּטרעטן פון אַן אַרמעי איז צוגעטראָגן געוואָרן דעם עולם, אויך ווי אַ נצחון. האָט מען זיך דאָס אפשר אָפּגעלערנט פון נאַפּאָלעאָנען, וואָס האָט ליידנדיק די גרעסטע מפּלה, ווען עס איז געהאַט, געשריבן, „מיינע ענינים גייען זייער גוט".

גוט, אויף... צוריקוועגס.

דאָס יאָר טויזנט אַכט הונדערט צוועלף איז געווען דער אָנהויב פון נאַפּאָלעאָנס סוף. די פאַראייניקטע ענגליש־פּרייסישע און רו־סיש־עסטרייכישע אַרמעיען האָבן באַזעצט פּאַריז און נאַפּאָלעאָן איז געווען געצוווּנגען אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט פערצן זיך אָפּצו־זאָגן פון טראָן; די קאָאַליציע האָט אים איבערגעלאָזט דעם טיטל קיסר און פאַרשיקט „הערשן" אויף דעם אינדזל עלבע.

און מיר לייענען אין זיין בריוו צו מאַריע־לואיזען, געשריבן דעם זעקסטן אַפּריל טויזנט אַכט הונדערט פערצן פון פאָנטענבלאָ, נאָכן אַבדיקירן:

„...מיין האַרץ פאַרקלעמט זיך מיר פון טראַכטן וועגן דיינע ליידן".

מיר זעען דאָ נאַפּאָלעאָנען דעם מענטש, זיינע אינעווייניקסטע געפילן, בעת עס איז זיך צעפאַלן זיין אימפּעריע און גלייכצייטיק זעען מיר אויך, ווי ווייניק ער האָט געקאָנט מאַריע־לואיזען.

די עלבע געפעלט אים זייער. ער נעמט זיך מיט גרויסער ענערגיע צו פאַרוואַלטן דאָס קליינע שטיקל ערד, וואָס מען האָט אים אָפּגע־

געבן. ער הערט נישט אויף צו טראַכטן וועגן זיין פרוי און שרייבט איר זי זאָל זעען פאַר זיך אַרויסצוקריגן פון איר פאָטער דאָס הערצאָגטום טאָסקאַניע — און פאַר זיך, שרייבט ער:

„... איך וויל נישט מער ווי די עלבע“.

האָט ער די דאָזיקע שורות געשריבן מיט דער כוונה איינצושלעפערן די וואַכזאַמקייט פון זיינע שונאים? וואָרעם עס איז נישט פאַרביי קיין יאָר און ער פאַרלאָזט די עלבע, און אומגעריכט פאַר גאַנץ אייראָפּע, זעצט ער זיך אַרויס אין געהיים אויף דער פראַנצויזישער ערד, הויבט אויף, אויף דאָס ניי אַן אויפשטאַנד, די באַרימטע „הונדערט טעג“, וואָס ענדיקן זיך ביי וואַטערלאָאָ — און ער ווערט לסוף איינגעצוימט אויפן ווייטן פאַרוואָרפענעם אינדזל פון דער הייליקער העלענע, ווו ער שטאַרבט דעם פינפטן מאַי טויזנט אַכט הונדערט איין און צוואַנציק.

נאָך אויף דער עלבע זייענדיק, בעט ער זיך כסדר ביי מאַריע=לואיזען זי זאָל צו אים קומען. ער האָט, שרייבט ער איר דעם ניינטן מאַי טויזנט אַכט הונדערט פערצן, אַלץ —

„עס פעלן מיר בלויז ידיעות וועגן דיר“.

מאַריע=לואיזע איז צו אים נישט געקומען און אפילו נישט געענטווערט אויף זיינע בריוו און אויף זיינע ביטעס. עס איז מער ווי זיכער, אַז זיינע בריוו זענען צו איר גאָרנישט דערגאַנגען וועגן דעם האָט שוין געזאָרגט דער אַלמעכטיקער מעטערניך. מאַריע=לואיזע גופא, האָט זייער גיך פאַרגעסן דעם געפאַלענעם אָדלער... זי האָט צוויי מאָל נאָך חתונה געהאַט, פיל קינדער געבוירן — און דורך איינס פון אירע ווייטע אייניקלעך — זענען צו אונדז דערגאַנגען די בריוו, וועגן וועלכע מיר דערציילן דאָ און וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַן אויסערגעוויינלעך רייכן געשיכטלעכן און פסיכאָלאָגישן מאַטעריאַל פון די לעצטע פינף יאָר פון נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט, געשריבן דורך אים גופא.

בילדער און צייכענונגען

1 שער=בלאַט צו דוד פּליסקינ׳ס בוך „וואונדערלאַנד“ — זייט 15
2 דוד פּליסקינ׳ס ווידמונג. — — — — — — — — — ״ 17
3 צייכענונג פון פ. רייש. פונעם בוך
„גבית עדות וועגן אָשוויענטשים“. — — — — — — — ״ 22
4 לייב ראָכמאַן און זיין פרוי אסתר. — — — — — — — ״ 31
5 מנשה בן ישראל — נאָך דער צייכענונג
פון שלום איטאַליאַ. — — — — — — — — — — ״ 38
6 דער דאַנקבאַרקייט=מאָנומענט פאַר די גוטע
האָלענדער — צייכענונג פון בעז. — — — — — — ״ 44
7 „דער רבי“ פון מאַרק שאַגאַל. — — — — — — — ״ 54
8 אַ רבי, פון רעמבראַנדט — — — — — — — — — ״ 55
9 י. ל. פּרץ — צייכענונג פון בעז. — — — — ״ 61
10 שלום עליכם — ״ ״ ״ — — — ״ 66
11 שלום שוואַרצבאַרד — ״ ״ ״ — — — ״ 75
12 יצחק יאַנאַסאָוויטש. — — — — — — — — — — ״ 87
13 י. פּאַפּיערניקאָוו. — — — — — — — — — — ״ 91
14 בעז (אויטאָפּאָרטרעט). — — — — — — — — — ״ 95
15 פרוי בעז — פון בעז. — — — — — — — — — — ״ 97
16 די קינסטלערן גערא — פון בעז. — — — — — — — ״ 98

17 דער אַסטראָנאָמישער זייגער פון דער שטראַסבורגער קאַטעדראַלע — צייכענונג פון בען. — — — — זייט 109
18 דער אַסטראָנאָמישער זייגער פון באָווע — צייכענונג פון בען. — — — — — — — — — — " 111
19 ל. נ. טאָלסטוי ביים שרייבן — צייכענונג פון ריעפין. " 117
20 אַ בלעטל קאָרעקטור פון „אַננאַ קאַרעניגאַ“. — — " 129
21 טאָלסטוי אין פעלד — צייכענונג פון ריעפין. — — " 139
22 נאַפּאָלעאָן דער ערשטער — פון בען. — — — — — — " 145
23 „דאָס יאָר 1814“ פון מעיסאָניע. — — — — — — — — " 153

ד ע ר ש י נ ע ן פ ו ן ז ע ל ב ן מ ח ב ר :

1 וווהין פירט אונדז י. ל. פרץ — 1930
2 נאַפּאָלעאָנס בריוו צו מאַריע־לואיזע — 1934
3 אַלט פּאַריז — 1936
4 אַ קול אין מדבר — 1936
5 פרויען — 1938
6 דער טויט פון ישו אין... פּוילן — 1945
7 בריוו פון לעקטור (פיר יאָר נאַצי־הערשאַפט
אין פראַנקרייך) — 1947
8 אַלט־פּאַריז (פאַרגרעסערטע אויסגאַבע)
1־טע און 2־טע טייל — 1948

Imp. Abécé, 11, r. Louis-Blanc, Paris Xe